ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# חפץ חיים

## חלק ד'

אידיש

**706**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

לט.

# אַ כלל טהוער

ווי ס'איז שוין ניט איינמאָל באַטאָנט געוואָרען, האָבען דעם חפץ חיים'ס „ד' אמות של הלכה" זיך ניט באַגרענעצט בלויז מיט'ן שרייבען און אַרויס־געבען זיינע ספרים, נאָר זיין גאַנץ לעבען, אַלע זיינע שטרעבונגען און דער־גרייכונגען, מחשבות און מעשים האָבען אימער געשטראַמט פונ'ם "ד' אמות של הלכה"־קוואַל. דער חפץ חיים האָט, דוכט זיך, געהאַלטען אין איין שריי־בען און ארויסגעבען ספרים. אַרויסצוגעבען די זעקס חלקים „משנה ברורה" האָט איהם גענומען פון יאָהר תר"מ ביז תרס"ז. אַלע חלקים „לקוטי הלכות" — פון אָיהר תרנ"ו ביז תרפ"ה, און אינצווישען האָט ער דאָך געמאַכט פילע אַנדערע וויכטיגע ספרים. פונדעסטוועגען האָט איהם ניט געשטערט צו זיין אַ כלל־טוהער און כסדר צו זוכען דעם וואָהלזיין פון זיין פאָלק. וואָס עלטער ער איז געוואָרען אלץ גרעסער איז געוואָרען דאָס פעלד פון זיינע טהעטיג־קייטען.

ווען ער איז אַלט געוואָרען זיבעציג יאָהר 1), האָט ער איינגעלאַדען זיינע תלמידים, די באַקאַנטע גאונים הרב ר' אלחנן בונם וואַסערמאַן און הרב ר' יוסף כהנמאַן און האָט אין זייער געגענוואָרט געמאַכט די ברכה „שהחיינו" 2), און זיי מכבד געווען מיט לעקאַך און בראַנפען. ער האָט פון דעמאָלט אָן באַט־ראַכט יעדען טאָג לעבען פאַר אַ הימלישע מתנה, וועלכע ווערט איהם געשאַנ־קען אין זכות פון כלל ישראל. זיין צייט האָט, לויט זיין אויפפאַסונג, שוין דעריבער ניט באַלאַנגט צו איהם.

זייענדיג דער גרויסער עניו האָט ער קיינמאָל ניט געזוכט און האָט, ווי ווייט ער האָט געקאָנט, אויסגעמיטען צו שטעהן במקום גדולים. דאָך, ווען

1) וואַרשיינליך י"א שבט, תרס"ח?
2) זעה שו"ת „ברכי יוסף": „כשמגיע אדם למלאות שבעים שנה לימי חייו יברך שהחיינו, ונראה שיברך בלא שם ומלכות, מאחר שלא כתבו הראשונים; זעה אויך „פתחי תשובה" יו"ד סימן רי"ז, ס"ק ט"ז.

ער האָט דערפיהלט אַז אַ געוויסע שטעלונג צו אַ אידישע פראַגע איז עלול לפי דעתו צו פאַראורזאַכען אַ קלקול, אָדער ברענגען דעם קלענסטען חלול-השם, האָט ער זיך שוין דעמאָלט ניט אָפּגעשראָקען פאַר קיין זאַך, נאָר האָט זיין מיינונג דרייסט אַרויסגעזאָגט פאַר די גרעסטע גאוני הדור; אָפילו אויב זייערע מיינונגען זיינען אַנדערש געווען, האָט ער שטאָלץ און אָפען אַטאַקירט זייערע ריכטונגען. מען האָט דאַן אין זיינע שטילע און בנעימות'דיגע ווערטער געקאָנט דערהערען דאָס ברומען פון אַ לייב ווען ער דערשפירט אַ געפאַהר.

מיט אויפמערקזאַמקייט האָט מען זיך צוגעהערט צו זיינע פערלדיגע און האַרציגע רייד. אַלע האָבען געפיהלט אַז דער חפץ חיים האָט קיינמאָל ניט גערעדט סתם אַזוי אין דער וועלט, אָדער לשם אַגיטאַציע פאַר'ן אמת, נאָר אַז זיינע ווערטער זיינען געווען דער אמת אַליין, דער ריינער און נאַקעטער אמת, ניט באַפּאַרבט און ניט באַפּוצט. מען האָט געשלונגען מיט דורשט זיינע ווערטער אַפילו דאַן, ווען מ'האָט זיך געפיהלט צו שוואַך און אומווירדיג נאָכצופאָלגען זיינע הויכע אידעאַלען פון קדושה וטהרה.

אויב די שוידערליכע פּאָגראָמען און רדיפות פון וועלכע דאָס רוסישע אידענטום האָט געליטען צווישען די יאָהרען תרמ"א און תרס"ו האָבען פון איין זייט פאַראורזאַכט רעוואָלוציאָנערע שטימונגען און די פאַרשפּרייטונג פון ראַדיקאַליזם צווישען דער אידישער יוגענט, האָט עס אָבער גלייכצייטיג אויך אויפגעוועקט און אינספּירירט דעם באַוואוסטזיין פון די אָרגאַניזאַציאָנס-פעהיגע קרעפטען צווישען די רעליגיעזע אידען. פאַרזוכען זיינען געמאַכט געוואָרען מעהרערע מאָל צו באַפרייען די אָרטאָדאָקסישע אידען פון דער אומגעבעטענער און זעלבסט-געקרוינטער כלל-טהוער'שער אפּוטרופּסות פון די פרייע עמי-הארצי'שע עלעמענטען. די גרינדונג פון דער חברה „מחזיקי-הדת" אומגעפעהר אין יאָהר תרס"א איז געווען איינע פון אַזעלכע פּראָבעס. די כוואַליע פון פּאָגראָמען און דער אויסברוך פון דעם רוסיש-יאַפּאַנעזישען קריעג האָבען, לײדער, אַלע שעהנע פּלענער דעמאָלט צושטערט. איז אין יאָהר תרס"ז געשאַפען געוואָרען די אגודה „כנסת ישראל" — אַ דאַנק דער השפעה און מיטווירקונג פון חפץ חיים, צוזאַמען מיט די באַריהמטע גאונים ר' חיים סאָלאָווייטשיק, פון בריסק; ר' אליעזר גאָרדאָן, פון טעלז; ר' איצעל ראַבינאָוויטש, פון פּאָנעוועזש; ר' אלי' חיים מייזעל, פון לאָדז; ר' צבי הירש ראַבינאָוויץ, פון קאָוונע; ר' דוד'ל פרידמאַן, פון קארלין און (יבדל לחיים)

ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי, פון ווילנא. די אויפגאַבע פון דיזער אָרגאַניזאַציע איז געווען: 1) צו שטעהן אויף דער וואך און עפענטליך פארטיידיגען די אידישע אינטערעסען פּאָליטיש און עקאָנאָמיש; 2) צו פאַרגרעסערען און פאַרשטאַרקערען אידישע ערציהונג, אידישקייט און תורה צווישען פאָלק; 3) צו קריגען גלייכבאַרעכטיגונג פאַר די רוסישע אידען. די פרייע עלטערענטען האָבען, זעלבסטפאַרשטענדליך, באַקעמפּט די ערוואַכענדע אָרטאָדאָקסיע אויף טריט און שריט. אין יאָהר תרע״ב האָבען די פארבליבענע כחות זיך פאַראייניגט מיט דער פראַנקפורטער „אגודת ישראל״.

שרייבט דער חפץ חיים אין זיינעם אַ בריוו בנוגע דער ניי־ענטשטאַנענער „אגודת ישראל״, דאַטירט עש״ק וישב, שנת תרע״ג, „אַז די פרומע אידען זאָלען זיין פאַראייניגט איז פון זעהר אַ גרויסער וויכטיגקייט. אַט איז פאַר אונז ערשינען פאַר אַביסעל צייט די „אגודת כנסת ישראל״ אַזוי ווי אַ ליכטיגער שטראַהל. גרויס איז געווען איהר אויפטהו אין דער (אידישער) וועלט. וואָלט די כנסת ישראל געהאַט לאַנגע יאָהרען איז גאַר ניט צו משער זיין די פילע טובות וואָס אַזאַ ארגאַניזאַציע וואָלט מיט זיך געבראַכט... ביינאַכט, ווען אין דרויסען איז שטאַרק פינסטער און זעהר שטורעמדיג, איז דאמאלט ריזיקאַליש פאַר אַ יחיד זיך ארויסצולאָזען מיט אַ ליכט אין האַנט איינער אַליין אויפ׳ן וועג!״ („המודיע״).

שילדערט הרב מאיר ברלין אין זיינע זכרונות די „אספת הרבנים״ אין ווילנע אין יאָהר תרס״ט (1909) 3).

„עס איז אין שטאָדט אַ שטיקעל באַוועגונג. אָן אספת הרבנים. די אספה איז אונטער געשלאָסענע טירען. מיט גרויס שוועריגקייטען איז באַשלאָסען געוואָרען אַרויסצוגעבען קאָמוניקאַטען צו דער פרעסע, וועלכע איז דאַן געווען גוט פאַרטראָטען אין ווילנא. אין די קרייזען אין וועלכע מ׳האָט זיך

3) דיזע אספה איז געעפענט געוואָרען דינסטאַג, י״ג אייר, אונטער׳ן פאָרזיץ פון הרב ר׳ טביל׳ע קאַצענעלנבויגען פון פעטערבורג ס׳האָבען זיך באַטייליגט איבער פערציג רבנים און פאַרשידענע אדמורי״ם פון רוסלאַנד און פוילען. צווישען זיי: דער חפץ חיים, די גאונים ר׳ דוד׳ל פרידמאַן פון קארלין, ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק פון בריסק, ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי פון ווילנע, די רביים פון ליובאַוויטש און גור.

צווישען די פראַגען אויפ׳ן טאָגעס ארדנונג זיינען געווען די פאָלגענדע זיבען פונקטען: 1) וועגען צענז פאַר רבנים. 2) חנוך הבנים. 3) באַפרייאונג פון די אַלגעמיינע שולען די אידישע קינדער פון חלול שבת ויום טוב. 4) גרינדונג פון אַן אַלגעמיינע אידישע ארגאַניזאַציע פאַר חזוק הדת. 5) שבת רוה. 6) די שחיטה פראַגע אין פּוילאַנד. 7) אויסצואַרבייטען אַ פראָגראַם אין באַהאַנדלען די פראַגען וועלכע וועלען אַנגעריהרט ווערען אויף דער פאַרשטעהענדער רבנים פאַרזאַמלונג (ראַווינסקאַ קאָמיסיאַ).

פאראינטערעסירט מיט אידישע פראבלעמען, האט מען דער פארזאמלונג גע־געבען פיעל אויפמערקזאמקייט. אפילו אין אזא שטאדט ווי ווילנא — ירושלים דליטא — קומען ניט אפט צוזאמען אזוי פיעל פראמינענטע פיהרער אין דעם אידיש־רעליגיעזען לעבען. רבנים, רביים און ארום זיי א גרויסע צאהל פון אנגעהעריגע. די הויפט־פיגורען דארט זיינען די צוויי אנטיפאדען: דער שעהנסטער און גרעסטער רעפרעזענטאנט פון דער מתנג׳ישער וועלט — רבי חיים סאלאווייטשיק, און דער אויסגעשפראכענער פיהרער פון דער חסיד׳ישער ריכטונג — דער ליובאוויטשער רבי, ר׳ שלום בער שניאורסאן. די צוויי זיינען די צענטראלע פיגורען, און זיי ביידע פיהלען עס און זוכען צווישען זיך דעם וועג ווי די אספה זאל האבען אן ערפאלג. ביי דער אספה וועלכע דויערט מעהרערע טעג און ווערט פארלאמענטאריש געפיהרט, אפילו מיט א באשטימטען טאג־ארדנונג, ווערען פארהאנדעלט אויסערליכע פרא־גען בנוגע דער רעגירונג און פארשידענע אינסטאנצען. עס ווערען אבער אויך פארהאנדעלט זעהר ערנסטע און אויספיהרליך אינערליכע פראבלעמען, ווי רבנות, חדרים, ישיבות וכדומה.

„ביי דעם גרויסען טיש זיצט צווישען אנדערע אויך א קליינער אידעל, רעכט פיעל געבויגען. קענטיג אויף איהם די עלטער, אבער דאך פריש און מוטיג. אלע ווייסען ווער דאס איז. ער איז ניט קיין רב... אבער דאך הערט מען זיך צו צו איהם און ווען ער רעדט אפילו שטיל, בויגען אלע צו די אויערען כדי צו קאנען הערען וואס ער זאגט — ער איז דער חפץ חיים...

„אין א געוויסער אווענט־זיצונג רעדט מען וועגען די נויטיגקייט מחזיר עטרה ליושנה זיין, אז ניט נאר אין די באקאנטע ישיבות זאל מען לערנען, נאר אויך אין יעדער שטאדט און שטעדטעל זאל זיין דער חוב פון דעם רב צו לערנען מיט די גרעסערע קינדער גמרא מיט רש״י און תוספות. עס זאל ווידער זיין א צייט ווען יעדער רב איז ניט נאר א מורה הוראה, נאר אויך א תופס ישיבה. אייניגע רבנים וועלכע זיצען ביי דער אספה געפינען אין דעם פראבלעם א מין פחיתת הכבוד. וואס הייסט, זיי וועלען ווערען מלמדים מיט קליינע קינדער?!

„דאן שטעהט אויף דער קליינער אידעלע און עס שיינט ווי ער רעדט ניט מיט דער נידעריגער שטימע, נאר ווי ער וואלט ברומען מיט א קול, און ער זאגט: —

„דאס איז דאך דאס שעהנסטע און נויטיגסטע וואס א רב דארף טהאן.

אַ מלמד זיין איז העכער ווי אַ רב, און עס הייסט אַ גליק פאַר אַ רב ווען ער קען ווערען אויך אַ מלמד און לערנען תורה, ניט נאָר וואַרטען ביז מ׳זאָל קו־מען צו איהם פרעגען אַ שאלה!״ —

„די רבנים, איבערהויפּט די וועלכע האָבען פריהער גערעדט דאַגעגען, האָבען זיך אומגעקוקט צווישען זיך. עס האָט געקלונגען אַ נייער וואָרט, טראָץ דעם וואָס באמת איז די אידעע זעהר אַלט״ (4).

עהנליכע אספות זיינען דאָן במשך צוויי־דריי יאָהר פאָרגעקומען אין גראָדנע, וואַרשא און אין אָטוואָצק, אין וועלכע דער חפץ חיים האָט זיך באַ־טייליגט און זיין השפעה האָט זיך שטאַרק געפיהלט.

---

4) דער גרויסער ר׳ חיים פלעגט זיך אָפטמאָל באַצייכענען און אויך זיך אונטער־שרייבען „מלמד בעהי״ת בוואלאזין״ (שו״ת הוט המשולש סי״ה).

מ.

# די אספת הרבנים אין פעטערבורג

אין חודש אדר תר״ע (1910) האָט די צאַריסטישע רעגירונג דורכ׳ן פּרעמיער סטאָליפּין פאַררופען אין פעטערבורג אויף אַ קאָנפערענץ פון אידישע קהלות איבער גאַנץ רוסלאַנד צו צוויי רעפּרעזענטאַנטען פון יעדער גובערניע, כדי אויסצואַרבייטען פלענער ווי אַזוי צו אָרגאַניזירען די קהלות, צו לייזען דעם רבנות־פּראָבלעם; ד. ה. צי עס זאָל אויף ווייטער עקזיסטירען דער אַמט פון אַ קאַזיאָנעם רב באַזונדער און די באַדינגונגען אויף וועלכע די רעגירונג זאָל אָנערקענען די גייסטיגע רבנים. אויך האָבען באַדאַרפט באַהאַנדעלט ווערען פראַגען וועגען חדרים און ישיבות און אַנדערע וויכטיגע אידישע פּראָבלעמען 1) צווישען די גרויסע רבנים וועלכע האָבען זיך דאָרט באַטייליגט זיינען געווען: ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק, ר׳ מאיר שמחה הכהן, פון דווינסק, ר׳ איצעלע פּאָנעוועזשער, ר׳ מלכיאל טענענבוים פון לאָמזע, ר׳ ישכר בעריש גרויבאַרט פון בענדין. דער ליובאַוויטשער רבי, און להבדיל בין חיים למתים, ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי און הרב צירעלסאָן פון קעשענאָוו. דער חפץ חיים איז לכתחילה צו דער אספה ניט געפאָהרען. ער איז אָבער דאָרט געווען פאַרטראָטען דורך זיין ראש־ישיבה, הגאון ר׳ משה לאַנדינסקי, וועלכער איז דאָרט געווען אלס בעאָבאַכטער און ער האָט בכתב איבערגעגעבען זיינע מיינונגען.

ווי באַוואוסט, האָבען זיך אין פאַרלויף פון די לעצטע הונדערטע יאָהרען די בני הישיבה אין מזרח־אייראָפּא געווידמעט כמעט אינגאַנצען צום לימוד התורה. די ישיבות זיינען געווען די איינציגע לעהר־אַנשטאַלטען צו ערציהען רבנים און בעלי־בתים לומדים. וואַרשיינליך צוליב דעם אומזיכערען מצב

1) אַזעלכע קאָנפערענצען פלעגען פאַררופען ווערען קיין פעטערבורג פון צייט צו צייט זינט דעם יאָהר תקע״ד ווען אלכסנדר דער ערשטער האָט איינגעלאַדען אידישע פאָרשטעהער כדי זיין רעגירונג זאָל אויסהערען די אידישע פאָדערונגען און פאָרשלאָגען, הויפּטזאכליך פון אַ רעליגיעזען כאראקטער, ס׳זיינען פאָרגעקומען סעסיעס פון דער אזוי גערופענע „ראַווינסקי קאָמיסיעס״, אין די יאָהרען תר״ב, תרט״ו, תרל״ט, תרנ״ד.

פון אידען און אידישקייט האָבען זיך די ראשי הישיבה אימער געשראָקען צו ערלויבען וועלטליכע לימודים אין די ישיבות, מורא האָבענדיג טאָמער וועט „יפיפותו של יפת" ארויסשטופען דאָס פּראַקטפּולע און אידעאַלע פון די „אהלי שם" און די שטיפמוטער השכלה וועט פאַרנעמען דעם אָרט פון דער אמת׳ער מוטער — די תורה. ובפרט דורך דעם וואָלטען די ישיבות געשטעלט געוואָרען אונטער דער אויפזיכט פון דער רעגירונג, אונטער דעם איינפלוס פון איהר ערציהונגס־סיסטעם מיט זיין מאַטעריאַלען יסוד און שטרעבונג. דער יונגערמאַן, וועלכער האָט געגאַרט צו ערוועבען וועלטליכע קענטניש האָט עס דאריבער געטאָן אויף אַ פּריוואַטען אופן, אָבער ניט אין דער צייט וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין דער ישיבה, וואו ער האָט הויפּטזעכליך געזוכט שלמות הנפש און זיך איינצושאַפען וואָס מעהר תורה, גאָר ניט טראַכ־טענדיג וועגען מאַטעריעלע נוצען.

דער טראַגישער דורכפאַל פון די מאָדערנע ראבינער־שולעס אין ווילנא, ווארשא און זשיטאָמיר האָבען נאָך מעהר פאַרשטאַרקט די איבערצייגונג צווישען די גדולי הדור, אַז אמת׳ע לומדות און יראת שמים קאָנען זעלטען קולטיווירט ווערען בשותפות מיט וועלטליכער בילדונג אונטער איין דאַך, ובפרט אין צייטען און אונטער אַזעלכע באַדינגונגען, וואו וועלטליכע בילדונג איז געווען ווי אַ לוקסוס, די פּריווילעגיע פון יחידי סגולה.

זייענדיג איינמאָל אין גראָדנע זיינען פאַר׳ן חפץ חיים ערשיענען פאַר־שטעהר פון אַ „חדר מתוקן" באַוועגונג. זיי האָבען איהם געזוכט איבערצו־צייגען מכח די גרויסע חשיבות פון אַזאַ אינסטיטוציע „מה רעש אויב מ׳לערנט אַביסעל דקדוק? ס׳איז דאָך אַ בפירוש׳ער דין, אַז מ׳דאַרף מדקדק זיין בעת מ׳לייענט קריאת שמע..." — האָבען זיי גע׳טענה׳ט. האָט דער צדיק מיט אַ שמייכעל זיי געענטפערט:

„יאָ, אמת, דקדוק איז טאַקע וויכטיג. עס שטעהט טאַקע אַזוי — הקורא את שמע צריך לדקדק באותיותיה — לעזענדיג קריאת שמע דאַרף מען זיין פּאַרזיכטיג אַרויסצורעדען ריכטיג איהרע אותיות. פונדעסטוועגען ווערט געפּסק׳נט אַז — קרא ולא דקדק יצא — בדיעבד, אויב מ׳האָט געלייענט קריאת־שמע אָהן דקדוק איז מען יוצא, אָבער — דקדק ולא קרא — דקדוק אָהן לייענען קריאת־שמע ווערט אין ערגעץ ניט דערמאָנט אַז עס איז גוט"...

דער חפץ חיים (וועלכער האָט זיך מוסר נפש געווען צו בויען און אויפ־האַלטען ישיבות און מרביץ תורה צו זיין) ווען ער האָט מיט זיין שאַרפען חוש

און וויטזיכטיגען בליק דערשפירט אַ סכנה, האָט ער שוין ניט געדוהט נאָר פלעגט אַלארמירען און וועקען די אמת׳ע אידישע פיהרער צו שטעהן אויף דער וואך. ער פלעגט זיך דאָן פאר קיין זאך ניט שרעקען. ער פלעגט ווערען רעוואָלוציאָנעריש געשטימט און אויב נויטיג געפאָדערט זאָגאָר צו געהן אויף קדוש השם און זיך אַנטקעגען שטעלען די געפּלאָנטע גזירות פון דער רע־גירונג.

דער הויפּט שטרייט־פונקט אויף דער אספה איז געווען דער רבנות פּראָבלעם, אויב אַ רב זאָל געצוואונגען זיין צו האָבען אויסער סמיכות אויך אַ דיפּלאָם אַז ער באַזיצט אַ געוויסע מאָס רוסישע בילדונג. אַזאַ גזירה וואָלט אונפאַרמיידליך געפיהרט אַריינצובריינגען וועלטליכע בילדונג אין די ישיבות אַזוי ווי די רעגירונג האָט דורך די מסירות און אינטריגעס פון די דאמאָלס־דיגע משכילים עס געפאָדערט.

די מיינונגען צווישען די פיהרענדע רבנים דעלעגאַטען זיינען אין דער פּראַגע געווען פאַרשידען. דער גרויסער וועלט גאון ר׳ מאיר שמחה, גע־שטיצט פון זקן הגאונים, ר׳ דוד פרידמאַן פון קארלין (אין אַ בריוו ווייל ער האָט דאמאָלט צוליעב זיין טיפע עלטער פערזענליך ניט געקענט קומען), און דעם רבי׳ן ר׳ שמעריל נח שניאורסאָן פון באברויסק, האָט גראַד געפאָ־דערט צו פארפליכטען יעדען רב דורכצומאַכען אַ געוויסען צענז. ר׳ מאיר שמחה האָט אין זיינע אַ רעדע וועלכע ער האָט אָנגעפאַנגען מיט אגדה און גע־ענדיגט מיט הלכה אויפגעוויזען, היות עס איז ניטאָ קיין איסור צו לערנען רוסיש, גלויבט ער אַז דאָס וועט ניט ברייגנען קיין ביטול תורה און ניט שטערען אין יראת שמים. קעגען דער מיינונג איז אַרויסגעטראָטען ניט קיין קלענערע פּערזענליכקייט ווי דער גאון הדור ר׳ חיים בריסקער, געשטיצט פון ליובאַ־וויטשער רבי׳ן און שריפטליך פון חפץ חיים. ער האָט קנאות׳דיג און מיט עקשנות געקעמפט קעגען אַרויפצווינגען אויף די וועלכע ווילען ווערען רבנים, אַז זיי זאָלען מוזען דורכמאַכען אַ באַדייטענטען בילדונג־צענז.

דערפיהלענדיג זיך צו־שוואך אַריבערצוציהען אויף זיין זייט די אַנדערע גדולי הרבנים, האָט ר׳ חיים דורכאויס אָנגעשטאָנען אויף ר׳ משה׳ן אַז ער זאָל תיכף פאַהרען אַהיים און ווירקען אויפ׳ן חפץ חיים אַז ער זאָל גלייך אַליין קומען צו דער אספה. אַזוי איז טאַקע געשעהן...

דער חפץ חיים איז, טראָץ זיין פיזישער שוואַכקייט און עלטער, געקומען

און האָט זיך דאָרט פאַרזאַמט אַ וואָך צייט. ער האָט מיט פייערדיגע און האַר־ציגע ווערטער און מיט טרעהרען זיך געבעטען ביי די פאַרזאַמעלטע ניט צו העלפען אונדירעקט צו פאַראורזאַכען נייע גזירות קעגען למוד התורה, וועל־כעס איז שוין אַזוי אויך אָפּגעשוואַכט... זיינע אַרגומענטען האָבען געהאַט אַ פּיעל באַדייטענדע ווירקונג.

נאָכדעם ווי ער איז שוין געהאַט געווען דאָרט עטליכע טעג און איז אין זיין אויפגאַבע געווען ערפאָלגרייך, איז ער אין דער באַגלייטונג פון ר׳ משה׳ן געפאָהרען באַזוכען דעם דווינסקער גדול אין זיין האָטעל. ווען דער חפץ חיים האָט אָנגעפאַנגען צו רעדען וועגען צוועק פון זיין קומען, האָט דער גאון ר׳ מאיר שמחה גוטמוטהיג באַמערקט: „זייט זיך ניט מצער די תורה וועט בלייבען אַ תורה און רבנים וועלען בלייבען רבנים” און פאַררופענדיג זיך אויפ׳ן בריעף פון ר׳ דוד׳ל קאַרלינער האָט ער געזאָגט: „איהר דאַרפט זיך ניט אָנט־קעגען שטעלען די מיינונג פון זקן הגאונים. ניט זייענדיג קיין רב און וואוי־נענדיג אין אַ קליין שטעדטעל זייט איהר דאָך ניט באַקאַנט מיט דער גרויסער וועלט און איהרע פאָדערונגען”.

דער חפץ חיים איז אָבער גאָרניט נתפעל געוואָרען און האָט אַ רוהיגער געפרעגט דעם גאון, צי ער פיהרט אויך אָן מיט אַ ישיבה, באַטאָנענדיג, אַז נאָר דער וואָס שטעהט אָבער אין נאָהענטע פאַרבינדונג מיט אַ ישיבה קאָן פיהלען און פאַראויסזעהן די גרויסע געפאַהר וואָס שטעקט אין דעם.

כדי צו פאַרמיידען אַ הייסען ויכוח איז ר׳ מאיר שמחה אַרויסגעגאַנגען פון צימער (אַזוי פלעגט זיין שטייגער זיין צו טהאָן). דער חפץ חיים האָט דאָן, צוזאַמען מיט (יבדל לחיים) ר׳ משה׳ן אַוועקגעגאַנגען, ניט האָבענדיג זיך גע־זעגענט מיט איהם.

אויפ׳ן וועג האָט דער חפץ חיים באַמערקט צו ר׳ משה׳ן:

„איך האָב התפעלות פון ר׳ מאיר שמחה׳ס הויכע מדות זייענדיג אַ כהן איז ער דאָך עלול געווען אַריינצופאַלען אין אַ שטאַרקע הקפדה, איז ער דע־ריבער אַרויס פון צימער”.

דעם חפץ חיים האָט אויך שטאַרק הנאה געטהאָן וואָס ער האָט אויך גלייכ־צייטיג פאַרלאָזען דעם צימער.ביידע זיינען דאָך געווען כהנים גדולים...

ווי מען דערצעהלט, האָט דער גאון הדור ר׳ מאיר שמחה, צו אלעמענס איבערראשונג צוגעגעבען דאָן עפענטליך, אַז אָט דער פשוט׳ער קליינער אידעלע... פון אַ קליין שטעטעל איז מרעיש די גרויסע אידישע וועלט זיינע פשוט׳ע ווערטער מעהר ווי די גרעסטע רבנים פון די גרעסטע שטעדט מיט זייער טיעפקייט און שאַרפקייט...

מ.

# צו זאָגען מוסר

פאַסירט האָט עס איינמאָל אַ פרייטאָג־צו־נאַכט, אין די לעצטע יאָהרען, ווען צוליעב זיין טיעפע עלטער און שוואכקייט איז דער חפץ חיים געצוואונגען געוועזען צו דאווענען ביי זיך אין דער היים מיט אַ מנין פון בני הישיבה. די קליינע נידעריגע הויז מיט איהר רויה באַקאַלכטע ווענט און איינפאַכע אַלט מאָדישע מעבעל האָבען אויסגעקוקט ווי אַ פאַלאַץ אַ דאַנק דער פראַכט און גלאַנץ פון דער שבת מלכתא, וועלכע האָט אָנגעפיהלט יעדער ווינקעלע. די חלות מיט'ן שניי־ווייסען טישטאכעל, די בלאסקענדע מעשענע לייכטער מיט די פינקעלדיגע ליכט, די שיינענדע לעפעל, מעסער, גאָפעל און כלים, אלץ איז איינגעטונקט געווען אין מנוחה. אַן אַטמאָספערע פון קדושה איז אויסגעגאָסען געוואָרען איבער אַלעמען. אויבען־אָן אויף אַ שטוהל איז געזעסען דער הייליגער זקן. געוואַשען, גע'טובל'ט, אַן אָפגעפרישטער, געקליידעט אין זיינע בגדי שבת: אַ שוואַרץ־זיידענע קאַפּאָטע און סאמעטענע היטעל און אַ שנעע ווייסער קאָלנער ארום זיין האַלז. אַ מאָדנער חן איז אויסגעגאָסען געווען אויף זיין שעהנעם צאַרטען פנים, וועלכער טראָץ זיין הויכע עלטער, האָט אויסגעזעהן יונג, פריש און אָהן קנייטשען, באַלויכטען פון צוויי פלאַם־פייערדיגע אויגען און באַצירט מיט אַ זילבער גרויע באָרד, פראַכטפאָלען שטערן, שעהן געטאָקטע נאָז און שמייכעלדיגע געזיכט־ציגע. אַ שכינה ליכטיגקייט האָט געשטראַלט פון זיין הימלישע צורה.

די אַנוועזענדע תלמידים האָבען אין זייער טיעפע באַגייסטערונג דערפיהלט אַ שטאַרקען באַגעהר צו הערען עפּעס אַ דבר תורה פון איהם.

„רבי, זאָגט אונז עפּעס אַ דבר מוסר", האָט זיך איינער אַרויסגעכאַפּט. זיינען די ליכטיגע אויגען פון צדיק פלוצלונג אָנגעפילט געוואָרען מיט טרערען און אַן אומעט האָט זיך אויסגעשפרייט אויף זיין שעהנעם פנים, און אָפּזיפצענדיג, האָט ער געזאָגט:

„איך זאל אייך זאגן מוסר ? ווי אזוי קען איך זאגן מוסר, אז איך אליין בין זינדיג, בין ניט קיין ירא שמים און לערען ניט ווי מ׳דארף !״

א ציטער איז דורכגעגאנגען אלעמענס הערצער פון צדיק׳ס תשובה... מעהר האבען זיי שוין ניט בעדארפט. די פשוט׳ע ווערטער האבען געריהרט די סטרונעס פון יעדענס נשמה און יעדער איינער האט דערשפירט א הייסע פליסיגקייט שטראמען פון זיינע אויגען...

שווער פלעגט אבער דעם חפץ חיים אנקומען צו זאגען אנדערע מוסר. זיינע רייד פלעגען זעלטען זיין פון אן אביעקטיווען כאראקטער. ער פלעגט זיך צווערשט זעהר פיעל מתבונן זיין אריינטראכטען און אנאליזירען זיינע פערזענליכע מחשבות און מעשים, בעפאר ער האט גע׳פועל׳ט ביי זיך צו אדרעסירען אנדערע מיט דברי מוסר, און פאדערען פון זיינע צוהערער מקיים צו זיין די תורה. גערעדט האט ער כמעט שטענדיג סתם איינשליי־סענדיג זיך זעלבסט אינ׳ם כלל פון זיינע צוהערער.

דאך בשעת די אומשטענדען האבען עס געפאדערט, פלעגט ער אויך קע־נען רעדען דירעקטע שטריינגע און שארפע דבורים.

אין יאהר תר״ע ווען ס׳האט אין דער ישיבה אויסגעבראכען א מחלוקה געגען א געוויסען פערזאן, האט דער חפץ חיים, זיך דערוויסענדיג פון דעם, מיט א ציטערנדע שטימע זיך געווענדעט צו די תלמידים:

„אונזער ישיבה רופט זיך „חפץ חיים״ און די כונה דערפון איז — מי האיש החפץ חיים אוהב ימים לראות טוב נצור לשונך מרע ושפתיך מדבר מרמה — דאריבער, דער יעניגער וועלכער איז מחזיק במחלוקות איז צו אונז ניט שייך. ער איז ניט אונזערער. מחלוקת אין דער ישיבה אויף מיין נאמען! חס ושלום! זאל זי בעסער בטל ווערען! און ער האט דאביי דערמאנט די תלמידי רבי עקיבא, אחיתופל׳ן און דואג׳ן וועלכע זיינען געווען גרויסע לומדים און פונדעסטוועגען זיינען זיי באשטראפט געווארען פאר מחזיק זיין א שנאת חנם, לשון הרע און מחלוקת... און ער האט פארגעזעצט:

„איך בין ניט נהנה פון דער קופת הישיבה — כי הוא זה — אנווייזענדיג אויפ׳ן שפיץ נאגעל פון זיינע פינגער. — איצט איז שוין די ישיבה א א פארטיגע, אבער ווער האט איהר מיסד געווען ? ווי אזוי איז זי געווארען ? איך האב געוואנדערט אין מרחקים און אויסגעזוכט תומכים...״ ער איז אויף א ווײלע שטיל געבליבען און דאן צוריק אנגעפאנגען. דאס מאל אבער שוין מיט א רוהיגען טאן און מיט א גלעטענדע — כרחם אב אל בנים — שטימע:

„איהר זייט געקומען אַהער אין דער ישיבה כדי זוכה צו זיין צום כתר תורה. איהר האָט פאַרלאָזען אייערע פאַמיליעס און קרובים און לײדעט דחקות אבי צו טראָגען דעם עול התורה. איהר ווילט דאָך פאַרדינען ביידע וועלטען, די וועלט און יענע וועלט. זעהט אָבער וואָס דער רמב״ם זאָגט אין זיין „יד החזקה״, אַז בעלי לשון הרע ומחלוקת האָבען ניט קיין עולם הבא. דאַרפט איהר דאָך פון אַזעלכע ענינים אַנטלויפען ווי פון פייער, אַז ניט וועט דאָך אייער גאַנצע מיה זיין אַרויסגעוואָרפען און אייער תורה וועט דאָך גאָר קיין ווערטה ניט האָבען״.

אזוי האָט דער חפץ חיים, ווי אַ געטרייער פאָטער, געפאָדערט מיט גוטע און מיט שטריינגע ווערטער, אַז די בני הישיבה זאָלען געהן אין זיינע דרכים, צו לערנען על מנת לקיים, און זיין פאַרזיכטיג אין די ענינים פון שמירת הדבור, אהבת חסד, אמונה, בטחון, שלום, אהבת הבריות, למוד התורה און יראת שמים.

„מה יתן לך ומה יוסיף לך לשון רמיה — וואָס נאָך קאָן מען דיר געבען און פאַר דיר טהאָן, דו פאַלשער צונג ?!״ „מ'האָט דיר ארומגערינגעלט מיט צוויי טויערען : די צייהנער און די ליפען, כדי ווען נויטיג צו פאַרמאַכען דאָס מויל, און האַלטען די צונג אין זיינע גרעניצען פון קאָנטראָל !״ — פלעגט דער חפץ חיים אָפטמאָל זאָגען.

אין אַ מוסר־שמועס צו די תלמידי הישיבה האָט ער אַמאָל באַמערקט :
„מ'דאַרף געדיינקען, אַז דער בחור וועמען זיין פאָטער שיקט געלד כדי ער זאָל זיצען און לערנען און ער לערענט ניט הייסט עס — גנב משל אביו״

אין יאָהר תרמ״ד האָט אין ראדין געוואוינט, ביי זיינעם אַ זוהן אַן אַלטער איד, פון גראָדנע, מיט'ן נאָמען יעקב דער מגיד, ער איז דאַן שוין געווען בלינד און האָט שוין מעהר ניט געקענט אַרומפאָהרען איבער דער וועלט און דרשנ'ען זיינע עטליכע דרשות וועלכע ער האָט זיך געהאַט אויסגעלערנט. פלעגט יעקב, אַן אומעטיגער, אָפּזיצען גאַנצע טעג אין בית המדרש אונטער'ן אויווען. פלעגען די ישיבה בחורים האָבען הנאה און פאַרגעניגען צו הערען יעקב'ן איבערזאָגען זיינע אַ דרשה. דער מגיד פלעגט עס טאָקע טהאָן מיט אַ באַזונדער געפיהל פון תענוג. ער פלעגט ווערען אַן אויפגעלעבטער און עס איבערזאָגען אויפ'ן הויכען קול מיט זיין ניגון. זיינע דרשות און פשטים זיינען על פי רוב געווען לעכערליכע, ווייל ווייט איז יעקב געווען פון לומדות. ער פלעגט ליעב האָבען צו דערמאָנען אַ וואָרט פון ווילנער גאון און אויפ'ן זעל־

בען פסוק, אָדער מאמר, צוגעבען זיין אייגענעם פשט, אָדער דרש מיט דער באַמערקונג: „דער ווילנער גאון זאָגט אַזוי, און איך זאָג אַנדערש, צווייִ קע־נען דאָך ניט זאָגען דאָס זעלבע, — אין שני נביאים מתנבאים בסגנון אחד"...

פלעגען די בחורים האָבען דערפון גרויס הנאה, פיעל זיך אָנלאַכען און אין שפּאַס איהם קאָמפּלימענטירען.

„ר' יעקב, הייגט האָט איהר געזאָגט הפלא ופלא..."

דער מגיד פלעגט פון דעם אָנקווועלען און האָבען גרויס פאַרגעניגען, ובפרט ווען זיינע צוהערער פלעגען איהם דערפאַר געבען אַ פּאָר גראָשען זיך צו קויפען אַ קוכען.

זיינען אָבער אויך געווען צווישען די ישיבה בחורים אַזעלכע וועלכע פלעגען אַמאָל ליעב האָבען פון איהם אָפּצולאַכען, מיט דער באַמערקונג:

„ר' יעקב, הייגט האָט אייער תורה עפּעס גאָר קיין טעם ניט!"

פלעגט פון דעם דער בלינדער זקן האָבען גרויס צער און אין זיין אויפ־רעגונג פלעגט ער זיך נאָכיאָגען נאָך זיי מיט זיין שטעקען.

ווען דער חפץ חיים האָט זיך פון דעם דערוואוסט, האָט ער אין אַ ספּע־ציעלען שמועס מכח דעם, אין דער ישיבה, טיילוויז אזוי געזאָגט:

„ווען מיר הערען דערצעהלען, צום ביישפּיל, אַז דער ווילנער גאון פלעגט פאַסטען משבת לשבת, אַז ער איז זעלטען געשלאָפען, נאָר פלעגט תמיד עוסק זיין אין תורה און עבודה, וואונדערען מיר זיך און קענען ניט פאַרשטעהן, — ס'טייטש, ווי אַזוי איז אַזאַ זאַך מעגליך? באמת וואָלטען מיר זיך גראד בעדאַרפט וואונדערען ווען די מעשה וואָלט געווען פאַרקעהרט. דער ווילנער גאון, שטעהענדיג מיט אָפענע אויגען פאַר אַזאַ קריסטאל ריינעם קוועלענדען קוואל (מים חיים) די תורה, זייענדיג דער גרויסער מבין אויף דער ווערדע און אונשעצבאַרע חשיבות פון איהרע אנטיקען וועלכע זיינען טייערער ווי קאָסטבאַרע ברילי‌אַנטען, און פיהלענדיג דעם תענוג פון יעדען וואָרט — היתכן אַז עס זאָל זיך איהם גאָר דאן גלוסטען צו עסען אָדער שלאָפען?

„אַז די תורה איז מחיה יעדען איינעם לויט זיינע כחות און פעהיגקייטען קען מען זיך עס איבערצייגען טאַקע פון אַט דעם אַלטען ר' יעקב'ן, אַן אָרימער און צובראָכענער איד, נעביך. ער האָט דאָך קיינמאָל אפילו ניט גע־האָט געגוג אָפּצועסען צו דער זאַט. ער האָט זיך אויסגעלערענט עטליכע דרשות און ווען ער זאָגט זיי איבער אויף זיין שטייגער, איז ער זיך ממש

מחיה, ער מיינט דאָך אַז אַלע זיינע ווערטער זיינען תורת אמת לכן ציהט ער פון דעם חיובה. אַזוי איז דאָך טאַקע דער כח פון דער תורה. היינט אַז מ׳זאָגט איהם אַז זיינע פשטים און דרשות טויגען ניט, באַרויבט מען איהם דאָך פון אַ שטיק חיות. טאַ ווי אַזוי מעג מען עס טהאָן?״

ניט נאָר פלעגט דער חפץ חיים אויף זיין ספּעציפישען שטייגער מוסר׳ן די תלמידי הישיבה, נאָר אויך די אָרטיגע בעלי בתים פון וועלכע ער האָט זיך גערעכענט אַלס איינעם פון זיי. זיינע ווערטער זיינען אימער געווען כאַראַקטעריסטיש חפץ חיים׳דיג.

איינמאָל אין אַ יום טוב האָט ה. ש. ניט אָנפרעגענדיג זיך ביי קיינעם, נאָר צוליעב זיינעם אַ קאַפּריז, אַ קלאַפּ געטהאָן און אויסגעשריען אויפ׳ן קול, אַז היינט דאַרף מען קיין פיוט (יוצר) ניט זאָגען. איז געוואָרען אַ גרויסער טומעל אין שוהל צוליעב דער גרויסער חוצפה. דער רב האָט פּשוט מורא געהאַט אַ וואָרט אַרויסצורעדען, ווייל דער בעל העזה איז אויסער דעם וואָס ער אליין איז געווען אַ גבור, האָט אויך פאַרמאָגט בנים און געזעלען וועלכע זיינען שטענדיג גרייט געווען איהם אַרויסצוהעלפען.

דער חפץ־חיים, וועלכער האָט דאָרט דעמאָלט אויך געדאַוועט, האָט ניט געקענט פאַרשווייגען אַזאַ עזות׳דיגען אַרויסטריט.

„סטייטש, ווי פועל׳ט מען עס ביי זיך אַזוי מעיז פנים צו זיין געגען עלטערע?״ און צייגענדיג אויף זיין באָרד, האָט ער געזאָגט: „אָט האָב איך דאָך שוין אַ גרויע באָרד, און בין דאָך שוין פיעל עלטער פון איהם, דאַרף ער דאָך אביסעל דרך ארץ האָבען!״

דער פסק, אָדער עונש מן השמים וואָס דער ש. האָט געליטען, דערצעהלען נאָך עד היום די ראַדינער אידען... אויסער דעם טרויעריגען פאַרלוסט אין זיין פאַמיליע, האָט ער נאָך געמוזט קומען בעטען פאַרגעבונג פון חפץ חיים און פון קהל.

אין אַ דרשה שבת שובה צו די ראַדינער אידען, האָט ער אַמאָל צווישען אַנדערעס באַמערקט:

„אויפ׳ן עולם האמת קענען דאָך אַמאָל אַנדערע זאָגען אַז זיי האָבען ניט געטאָהן קיין תשובה, ווייל אין שטעדטעל איז געווען ישראל מאיר און זיי גאָרניט געזאָגט. דאריבער זאָג איך אייך אָן אַז חילול שבת איז פייער, עובר זיין אויף טהרת המשפחה איז כרת, חינוך הבנים והבנות איז דער יסוד פון

אידישקייט. ווען איך וועל קומען פאַר'ן כסא הכבוד וועל איך טענה'ן, אַז איך בין ניט שולדיג. איך פלעג אַלע מאָל מזהיר זיין . . . ״

אַריינקומענדיג איין פריהמאָרגען אין אָרטיגען בית המדרש האָט ער דער־זעהן אַ שוידערליך בילד, אַ מענש איז געשטאַנען, די הענד פאַרבונדען אויף הינטען און חברה האָבען איהם געפּאַטשט. דער קרבן איז געווען אַן אומבאַ־קאַנטער דורכגעהר וועמען מ'האָט געכאַפּט ביי דער האַנד אין אַ פאַרזוך צו באַ'גנב'נען די שוהל.

האָט דער חפץ חיים זיך צושריגען: „לאָזט דעם אידען פריי! — חלילה וחלילה! מ'טאָר אַזוי אַ מענש ניט מעניש זיין. אַפילו אויב ער וואָלט יאָ באַ'גנב'עט שטעהט אויך ניט אין ערגעץ, אַז מען מעג איהם שלאָגען אָדער מביש זיין! דער עונש פון אַ גנב איז בלויז צו באַצאָהלען כפל, ניט מעהר!״

איינמאָל האָט דער חפץ חיים, זייענדיג אין מרחץ, באַמערקט אַז איינער האָט, אַריינגעהענדיג אין מקוה, איבערגעלאָזען אין באָד זיין שעפּעלע מיט'ן בעזימעל. איז געקומען אַן אַנדערער און האָט ניט פרעגענדיג קיינע שאלות עס צוגענומען אזוי ווי עס וואָלט געווען זיין אייגענעס. צו זאָגען אַז עס איז גנבה, אָדער אַז ער דאַרף עס צוריקקעהרען צו יענעם, וואָלט דאָך עס גע־מיינט אַ דין פאַר וועלכעס אַזאַ מקום איז כידוע ניט פּאַסיג. אין אַ בית המרחץ טאָר מען דאָך ניט מהרהר זיין אין דברי תורה. איז דער חפץ חיים אומבאַ־מערקטערהייט צוגעגאַנגען צו יענעם און האָט צו איהם שטילערהייט געזאָגט:

„זיך וואַשענדיג אין אַזאַ שעפּעלע און מיט אַזאַ בעזימעל געהט מען אַרויס פון מרחץ שמוציגער ווי מ'איז אַריין״.

אין יאָהר תרנ״ו ווען ר' אייזיק דער שוחט איז געשטאָרבען, האָבען מאַנ־כע בעלי בתים דורכאויס געוואָלט מ'זאָל נעהמען אַ געוויסען שוחט וועלכער איז גלייכצייטיג אויך אַ חזן. זיי האָבען זיך לכתחילה ווינציג וואָס געקימערט וואָס זיינע קוואַליפיקאַציעס אַלס שוחט זיינען ניט געווען צופרידענשטעלענד פאַר'ן חפץ חיים. דערהויפּט איז געווען ביי זיי די חזנות. זעלבסטפאַר־שטענדליך אַז דער חפץ חיים האָט אויף דעם ניט געקענט מסכים זיין. האָט ער דאַמאָלט פאַררופען אַלע בעלי בתים אין שוהל און זיי געוואָרענט אַז אויב זיי וועלען איהם ניט פאָלגען וועט ער אַוועק פון שטעדטעל קיין גראָדנע וואו מ'האָט איהם דעמאָלט געבעטען ער זאָל זיך אַריבערציהען. מ'האָט איהם זאָגאַר אַנגעבאָטען באַדייטענדע שכירות. דאָס האָט געווירקט. און אַנגעקו־מען איז דעמאָלט אלס שוחט ר' נח דרעטשינער, וועמען דער חפץ חיים איז

ביי זיין אנקומען ארויסגעגאנגען אויסערען שטעדטעל מקבל פנים צו זיין.

אין ווינטער פון יאהר תרע"ה, האבען די שטעדטעלדיגע בחורים און מיידלעך געוואלט ארגאניזירען א סארט ספעקטאקעל מיט טענץ וכדומה. די הכנסה האט בעדארפט געהן צו שטיצען די לעבעדיגע אלמנות ויתומים, וועמעס מענער און פאטערס זיינען צוגענומען געווארען אין דער מלחמה. דערוויסענדיג זיך פון דעם באצייטענס, האט דער חפץ חיים צו זיך גערופען די ארגאניזאטארען און זיי געבעטען אויפצוגעבען זייער געפלאנטע אונטערנעהמונג, וועלכעס איז, לויט זיין מיינונג, אויסער די רעליגיעזע זייט אויך געווען מאראליש א פארברעכען צו מאכען אזא סארט אונטערנעהמונג אין א צייט ווען ס'גיסט זיך אידיש בלוט...

האבען די אנפיהרער גע'טענה'ט:

„רבי, ס'איז דאך אדרבא גאר א מצוה, ווייל דורך דעם וועלען מיר דאך העלפען שפייזען די ארימע און עלענדע!"

מיט'ן חפץ חיים זיינען דאן געווען זיין אידעם ר' הירש לעווינסאן און דער ראש ישיבה ר' נפתלי טראפ. האט זיך דער חפץ חיים דאן צו דער יונגווארג געווענדעט מיט דער באמערקונג:

„ר' נפתלי איז א איד וואס קען א סך לערנען, ר' הירש קען אויך גוט לערנען, און איך אליין קען אויך אביסעל לערנען. אויב מיר אלע דריי זאגען אייך אז עס איז ניט קיין מצוה קענט איהר זיך אויף אונז אהן א שום ספק פארלאזען".

ווי בעוואוסט איז דער חפץ חיים שטענדיג געווען גרייט צו ארבייטען מיט מסירת נפש פאר דאס פארשטארקונג פון יעדען אידישען פרינציפ ובפרט ווען ס'האט נוגע געווען אזא פונדאמענטאלע הייליגע טראדיציע ווי „טהרת המשפחה", וועלכעס ווערט ביי רעליגיעזע אידען באטראכט אלס הויפט יסוד פון אידישע צניעות און פאמיליע ריינקייט. ער האט זעהר פיעל געשריבען און גערעדט און אונערמידליך געארבייט פאר'ן קיום פון את דער מצוה. ער פלעגט פאדערען פון יעדער אידישער קהלה צו בויען סאניטארישע מקואות. ער פלעגט תמיד מזהיר זיין אז פארנאכלעסיגונג, אדער גלייכגילטיגקייט אין דיזער הינזיכט פאראורזאכט, לויט'ן אידישען דין אזא פאמיליע פלעק וועלכען קיין תשובה קען ניט אפוואשען. ניט איינמאל איז דעם חפץ חיים אויסגעקומען צו מאכען רייזעס, נאהענטע און ווייטע פאר דיזען צוועק. ספעציעל ווען ער האט זיך דערוואוסט אז אין זיין סביבה ווערט דיזער יסוד שוואך, האט ער

שוין ניט געהערט ביז וואנען ס'איז געלונגען די תקלה מתקן צו זיין. ער פלעגט זיך פארשטעלען אז אויב ער וועט עס שווייגען וועט מען עס אויפ'ן עולם האמת מאנען פון איהם, און אז די השגחה עליונה האט איהם עקסטרא געשאנקען יאהרען כדי ער זאל זיך אנטקעגענשטעלען די הפקרות.

ווען ער האט ענדע זומער פון יאהר תרע"ב ערהאלטען א בקשה פון ליידער רב אז ער זאל מיט זיין השפעה ווירקען עס זאל אין זיין שטאט געשאפען ווערען די נויטיגע פאנדען כדי איבערצובויען די ארטיגע מקוה, האט זיך דער חפץ חיים געווענדעט צו ר' הירש'ן אז ער זאל מיט איהם מיטפאהרען, דער לעצטער, זייענדיג פארנומען מיט דער ישיבה, האט איהם קיין קלארען ענטפער גלייך ניט געגעבען. ווען ס'איז געקומען חודש אלול איז דער חפץ חיים אריין צו זיין איידעם און זיך ביי איהם געבעטען:

„ר' הירש, ס'איז שוין באלד די ימים נוראים, און מ'האט ניט מיט וואס צו קומען פאר'ן יום הדין. אט זאלען מיר אקארשט איצטער פאהרען קיין ליידע, עפעס טהאן פאר טהרת המשפחה... וועלען מיר כאטש האבען מיט עפעס צו קומען פאר'ן רבונו של עולם אין די הייליגע און פארכטיגע טעג".

מיט איינמאל פאהרען האט אבער דער חפץ חיים זיין צוועק פאלשטענדיג נאך ניט דערגרייכט.

אונערוואַרטעט פאר זיין פאמיליע און מקורבים האט דער חפץ חיים איינמאל א פרייטאג פריה אינמיטען ווינטער פון יאהר תרע"ג, טראץ דעם שטארקען פראסט בעשלאסען צו פאהרען אויף שבת קיין לידע כדי צו פארענדיגען זיין אנגעפאנגענע באוועגונג.

מערקווירדיג איז דער פאקט, אז קוים האט ער ווען־עס־איז ביי זיך בעשלאסען צו טהאן א מצוה פלעגט ער בשום אופן ניט וועלען אפלייגען אויף שפעטער, נאר איז מיט אלע מיטלען עקשנות'דיג באשטאנען עס אזוי שנעל ווי מעגליך אויסצופיהרען. קיין שוועריגקייט האט איהם ניט אפגעשראקען, קיין זאך האט איהם ניט צוריקגעהאלטען. „מצוה שבא לידך אל תחמיצנה" — א מענש דארף זיך אליין ניט געטרויען, כל זמן מען האט א יכולת דארף מען טהאן, — פלעגט ער זאגען. דעריבער ווען די בני בית האבען זיך דאן ביי איהם געבעטען אז ער זאל צוליעב זיין שוואכקייט די רייזע קיין לידע אפלייגען אויף א וואַרעמערען וועטער, האט ער פון דעם גארניט געוואלט הערען, זאגענדיג:

„מען וועט דאָך מיר פרעגען, (אויפ׳ן עולם האמת) פאַרוואָס ביזטו ניט געפאָהרען, טאָ וואָס וועל איך ענטפערען ? ס׳איז מיר געווען קאַלט. וועט דאָס זיין אַ תירוץ ? ניין, איך וועל פאָהרען...!״

דעם חפץ חיים׳ס מוסר און דברי תוכחה פלעגען זיין געווענדעט ניט נאָר צו זיינע נאָהענטע, צו די קינדער פון זיין פאָלק, ער פלעגט זיינע שארפע ווערטער אויך רעדען כלפי די רשעים, צווישען די אומות העולם, און פלעגט אויף זיין דרך אַלעס באַזירען אויף פסוקים פון דער תורה. ער פלעגט למשל זאָגען : אַז א אידען איז שלעכט, בעט ער אַ ברכה פון אַ צדיק און איז מתפלל צום רבונו של עולם, אַז ער זאָל איהם העלפען. אַנדערש איז אָבער אַ גוי, אַ רשע, ווען בלק בן צפור, דער מלך פון מואב, האָט זיך געשראָקען פאַר׳ן פאָלק ישראל, האָט ער, אַנשטאט צו בעטען בלעם׳ן אַז ער זאָל איהם בענשען, גאָר געפאָדערט אַז ער זאָל די אידען שעלטען. ער האָט אין זיין בייזוויליגקייט ניט געזוכט פאַר זיך אַ ברכה, נאָר פאַר יענעם אַ קללה.

ריידענדיג איינמאָל וועגען די צרות, רדיפות און פאָגראָמען, וועלכע אידען פלעגען אויסשטעהן אונטער דער צאַרישער מאַכט, האָט ער באַמערקט : „מ׳שטיינס געזאָגט, ס׳א גוטס דער צאַר קען שוין ערוואַרטען פון דער אַרויפ־געצוואונגענער תפלה „הנותן תשועה למלכים״ ווען גלייך נאָכדעם זאָגט מען „וינקום נקמת דם עבדיך השפוך״...

אין איינע פון די פאַרכטיגע טעג, האָט ער אויפגעהויבען זיינע אויגען צום רבונו של עולם און מיט טרעהרען געזאָגט :

„בשעת דער בית המקדש איז געשטאַנען, פלעגען די אידישע זינד פאַר־געבען ווערען דורכ׳ן שעיר, וועלכער איז אַוועקגעשיקט געוואָרען אין ארץ גזירה „ונשא השעיר עליו את כל עונותם״ (ויקרא ט״ז). רבונו של עולם, אמת טאַקע, זייט דעם חורבן האָבען מיר ניט אין גלות קיין שעיר, וואָס זאָל פאַר אונז מכפר זיין, אָבער אַ ארץ גזרה האָבען מיר דאָך יאָ. מיר לעבען דאָך אין אַ לאַנד וואָס איז פול מיט גזירות געגען אונז ! ס׳געהט דאָך קיין טאָג ניט פאַר־ביי ס׳זאָל ניט ברייגנען קיין נייע צרות און פורעניות... טאָ ווי אַזוי קען מען זיין גוטע אידען, דיענען דיר מיט האַרץ און נשמה און אָפּהיטען דיין תורה אונטער אַזעלכע ליידען און באַדינגונגען ? ניין, רבונו של עולם, די אידען זיינען ניט שולדיג״...

ער פלעגט אילוסטרירען דעם פסוק : „לאסור מלכיהם בזיקים ונכבדיהם בכבלי ברזל, לעשות בהם משפט כתוב״, מיט׳ן פאָלגענדען משל :

אַ בן מלך האָט איינמאָל פאַרבלאָנדזשעט אין אַ פאַרוואָרפענעם איינ־זאַמען ישוב, וואו אַלע פרעמדע פלעגען אויסשטעהן גרויזאַמע רדיפות, האָבען די אָרטיגע איינוואוינער דעם פרינץ אויך שטאַרק פאַרפאָלגט. זיינע טענות אַז ער איז אַ בן מלך האָבען איהם גאָרניט געהאָלפען. ער איז קוים ניצול געוואָרען מיט'ן לעבען, אַ דאַנק זיינעם אַ בעקאַנטען. וועלכער האָט זיך פאַר איהם איינגעשטעלט און איהם אין געהיים געראַטעוועט.

ווען זיין פאָטער איז געקומען אין יענעם ישוב מיט חילות, כדי צו באַשטראָפען די איינוואוינער, זיינען זיי איהם געפאַלען צו די פיס און געבעטען ער זאָל זיי ניט באַשטראָפען, ווייל ווי אַזוי עס זאָל ניט זיין, איז דאָך זיין זוהן לעבעדיג געבליבען.

האָט זיי דער קעניג געענטפערט: איך וועל בלויז טהאָן צו אייך אַזוי ווי איהר האָט געוואָלט טהאָן מיט מיין קינד.

אַזוי וועט אויך כביכול זאָגען צו די רשעים, די פאַרביסענע שונאי ישראל, ווען די צייט וועט קומען זיי צו באַשטראָפען. אמת טאָקע, זייערע בייזוויליגע כוונות און גזירות רעות געגען דעם פאָלק ישראל, זיינען אַ דאַנק דעם רבונו של עולם ניט פאַרווירקליכט געוואָרען, דאָך, לעשות בהם משפט כתוב, דעם משפט וואָס זיי האָבען אַליין פאַרשריבען אויף אידען וועט ער טהאָן מיט זיי... כ'לעבען ס'א פיינער אָרענטליכער און גערעכטער משפט — הדר הוא לכל חסידיו.

אויב עס איז דעם חפץ חיים שווער געוועזען אַנדערע צו מוסר'ן איז איהם אָבער זעהר לייכט אָנגעקומען זיך זעלבסט אויסצומוסר'ן, זאָגאַר אין דער עפענטליכקייט.

כידוע האָט דער חפץ חיים כמעט קיינמאָל ניט פאַרפעהלט תפלה בצבור. האָט פאַסירט, אַז ער האָט איינמאָל אַביסעל זיך פאַרשפעטיגט, איז ער יענעם טאָג נאָכ'ן דאַווענען אַרויפגעגאַנגען אויף דער בימה און געזאָגט:

„היות עס קאָן זיין אַ חילול השם פון דעם וואָס איך בין היינט ניט געקומען אין צייט לכן בין איך מודיע דעם גאַנצען עולם, אַז די סיבה פון מיין פאַר־שפעטיגען זיך איז געווען ווייל איך האָב גראָד געהאַלטען אין מיט'ן פון אַ גרויסע שווערע סוגיא״ . . . און ער האָט גלייך אויפ'ן אָרט איבערגעזאָגט די חידושי תורה, וועלכע איז איהם דאַמאָלט נתחדש געוואָרען.

אָבוואָהל ער פלעגט קיינמאָל ניט זאָגען קיין פלפולים האָט ער דאָס מאָל

משנה געווען זיין דרך בכונה, כדי עס זאל ניט פאראורזאכט ווערען קיין חילול השם.

ער פלעגט זאגען: יעדער מענש דארף זיך קאנען פארשטעלען דריי זאכען 1) אז ער האט מעהר ניט ווי איין טאג צו לעבען. 2) אז ער האט מעהר ניט ווי איין פרק משניות אדער איין בלאט גמרא צו לערנען. 3) אז עס איז מעהר אויף דער וועלט ניטא ווי גאט און ער אליין. דאס מיינט דער פסוק „והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך". א מענש פוילט זיך צו לערנען תורה צוליב דעם וואס ער זעהט, אז עס איז פאראן אזוי פיל צו לערנען, דאס אפילו ער זאל לעבען מתושלח׳ס יאהרען וועט ער ניט אימשטאנד זיין אלעס דורכצומאכען, אדער ער לייגט אפ אויף שפעטער, אדער ער לאזט עס איבער פאר אנדערע צו טהאן און ער אליין זוכט בעסער זיך צו פארנעמען מיט „תענוגי עולם־הזה".

זאגט דאריבער די תורה „והיו הדברים האלה", זאלסט ראשית געדענקען, אז איצט האב איך פאר דיר ניט מעהר ווי די ווערטער, והשנית, „אשר אנכי מצוך", איך פארזאג דיר עס — דיר אליין. וואָרף ניט ארויף דיינע פליכטען אויף אנדערע. דריטענס, „היום", טהאן זאלסטו עס היינט. לייג עס ניט אפ אויף מארגען, ווייל דו ביזט דאך ניט זיכער אז דער מארגען באלאנגט צו דיר.

„היום לעשותם" — מען הערט מענשען זאגען, אז די וועלט איז אויך א וועלט, באמת אבער איז נאר די וועלט א וועלט, ווייל נאר דא אויף דער וועלט קאן מען עפעס אויפטהאן — „מחר לקבל שכרם".

מב.

# דאַנקבאַר פאַר גוטס

הכרת טובה, דער געפיהל פון דאַנקבאַרקייט צו איינעם וועלכער האָט דיר אַמאָל געטהאָן אַ טובה איז אָן ערהאַבענער עטהישער פרינציפּ, וועלכער ווערט אויף פאַרשידענע אופנים אילוסטירט און ארויסגעבראַכט אין דער הייליג־אידישער ליטעראַטור. זיין אַ משלם רעה תחת טובה ווערט מאָראליש באַטראַכט אַלס פארברעכען. אַ תלמוד׳ישער ווערטעל זאָגט: „וואַרף ניט קיין שטיין אין דעם ברונעם פון וועלכען דו האָסט אַמאָל געטרונקען״. דאריבער, ווערט ערקלעהרט, איז אהרן און ניט משה אויפגעפאָדערט געוואָרען פון דעם אויבערשטען אויסצופיהרען אויף די מצריים די שטראָף פון די ערשטע צוויי פון די עשר מכות: דם און צפרדע, ווייל משה איז קליינערהייט געראַטעוועט געוואָרען אין טייך נילוס ווען ער איז דאָרט פון זיין מוטער אַריינגעוואָרפען געוואָרען, וואָלט עס געווען נגד יושר אַז ער זאָל שלאָגען זיינע וואַסערען. אויך איז פנחס און ניט משה אַליין געגאַנגען זיך אָפּצורעכענען פאר זיין פאָלק מיט זייערע שונאים, די מדינים, ווייל ער איז דאָך אַמאָל געווען זייערער אַ שכן, וואוינענדיג אין מדין. „פאַראַכט ניט קיין מצרי״, זאָגט אָן די תורה, „ווייל אַ גר ביזטו געווען אין זיין לאַנד״. טראָץ דעם וואָס די מצריים זיינען זיך בעגאַנגען אַזוי רשעות׳דיג וואַרפענדיג דיינע קינדער אין וואַסער, האָסטו דאָך געהאַט דיין היים פאַר אַזוי פיעל יאָהרען דאָרטען (דברים כ״ג, בבא קמא צ״ב ע״ב, תנחומה מטות).

געהענדיג איינמאָל אין גאַס מיט זיין איידעם, דעם גאון וצדיק ר׳ היירש לעווינסאָן ז״ל, האָט אַ פאַרבייגעהענדער אָרימער איד, אַפּגעווישט אַביסעל שטויב פון זיין אויבערמאַנטעל. אומזיסט האָט זיך דער חפץ חיים אַרומגעקוקט כדי דעם פרעמדען צו באַפרידיגען. ער איז נעלם געוואָרען. האָט דער חפץ חיים דעם גאַנצען וועג געהאַט גרויס צער פון דעם, ניט קענענדיג פאַרטראָגען אַז יעמאַנד זאָל זיך האָבען פאַר איהם מטריח געווען בחנם.

קומענדיג אויף זיין אכסניא האָט ער זיך אַ טאָפּ געטהאָן אין קעשענע און האָט צו זיין איבערראַשונג ניט געפונען דעם רובעל וועלכען ער האָט דאָרט אַריינגעלייגט בעפאָר ער איז אַרויס אין גאַס. האָט ער זיך געזאָרגט און געזוכט דעם רובעל ניט וויסענדיג וואו דאָס איז אומגעקומען.

האָט ר׳ הירש באַמערקט צו איהם, אַז מסתמא האָט דער אומבעקאַנטער אידעל בעת ער האָט אָפּגערייניגט זיין אויבערמאַנטעל, דעם רובעל אַרויס־גענומען.

דערהערענדיג די השערה, האָט זיך דער חפץ חיים דערפרעהט און אַ צו־פרידענער אויסגערופען:

„אויב אַזוי, האָבען מיר דאָך איהם שוין טאַקע אָפּגעצאָהלט פאַר דער טרחה!"

קוים האָט איהם ווער אַמאָל געטהאָן אַ טובה, פלעגט ער זיך שוין אַלע יאָהרען פיהלען דאַנקבאַר און אויף פאַרשידענע אופנים זיין הכרת טובה אויסדריקען.

דאָס איז געשעהן אין אַ ווינטערדיגען פריהמאָרגען, פרייטאָג פּ׳ וישלח, אין יאָהר תרע"א. דער ראדינער בעדער יאָשע, וועלכער איז גלייכצייטיג אויך געווען אַ שמיד, איז, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרטאָג איינגעהייצט דעם מרחץ, אַוועק אַרבייטען אין זיין קוזנע. האָט גראד פּאַסירט אַז דער חפץ חיים איז דאַמאָלט אומבאַקערט פון אימיצען געגאַנגען פריה אין מקוה. זייענדיג איינער אַליין, האָט ער דערפיהלענדיג אַ טשאַד געזוכט וואָס שנעלער אַרויס־צוגעהן פון דאָרטען. דער רויך איז אָבער געוואָרען אַזוי געדיכט, אַז עס איז איהם געוואָרען ניט גוט און ער איז אַוועקגעפאַלען אין חלשות. ווען דער בעדער איז נאָכהער צוריקגעקומען האָט ער שוין דעם חפץ חיים דאָן געפונען מעהר טויט ווי לעבעדיג.

האָט ער געמאַכט אַן אלאראם. מענשען זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען און מען האָט דעם פאַר׳חלש׳טען אויף די הענט שנעל אוועקגעטראָגען אהיים.

אין פאַרלויף פון אַ שטונדע האָט מען כמעט ניט באַמערקט קיין סימן פון לעבען אין איהם. זיינען אַלע געוואָרען שטאַרק צוטראָגען און זיך גע־פיהלט זעהר באַזאָרגט. די תלמידים האָבען פאַרגאָסען פיעל טרעהרען, זאָ־גענדיג תהלים, ביז דער אויבערשטער האָט געהאָלפען, דער קראַנקער האָט געעפענט די אויגען און איז ביסלעכווייז צו זיך געקומען.

זייט דאַן פלעגט דער חפץ חיים יעדען שמחת תורה איינלאַדען צו זיך יאַשע דעם בעדער. מיט איהם טרינקען צוזאַמען לחיים און זיך פרעהען, דער־מאַנענדיג דעם נס פון יענעם פרייטאָג. און פלעגט ביי דער געלעגענהייט ווינשען יאַשע׳ן אז ער זאָל האָבען אריכת ימים און איהם אַליין איבערלעבען.

מערקווירדיג איז דער פאַקט, אַז דער בעדער האָט איהם טאַקע איבערגע־לעבט פון כ״ד אלול תרצ״ג (דער יום הפטירה פון חפץ חיים) ביז פרייטאָג פריה, פרשת וישלח, תרצ״ד, אויסהויכענדיג זיין נשמה אין דער זעלבער צייט ווען ער האָט פונקט מיט דריי־און־צוואַנציג יאָהר צוריק אָפּגעראַטעוועט ר׳ ישראל מאיר׳ן פון טויט. ער האָט געהאַט אריכת ימים, לעבענדיג קרוב צו ניינציג יאָהר.

ווי ס׳איז שוין באַטאַנט געוואָרען, איז דער חפץ חיים כל ימיו געווען אויסגעהאַלטען אין דעם פרינציפּ פון „שונא מתנות״ אין פולען זינן פון וואָרט. אַפילו אין דער צייט ווען ער איז געווען געדריקט, האָט ער ליבערשט געליטען נויט, און האָט בשום אופן ניט געוואָלט נעהמען קיין פרעזענטען פון קיינע מענשען, ווייטע אָדער נאָהענטע.

אַ רייכער איד, וועלכער איז אין יאָהר תרצ״א, אַזש פון אויסלאַנד געקו־מען צו איהם צופאָהרען, האָט ביים געזעגענען זיך אָוועקגעלייגט אויפ׳ן טיש טויזענד קערבלעך אַלס מתנה פאַר׳ן רבי׳ן. דער חפץ חיים האָט זיך אָבער ענטזאָגט דאָס פון איהם צו נעהמען.

„רבי״, האָט זיך דער אורח אָנגערופען, „איהר זייט דאָך אַ גוטער איד. טאָ פאַרוואָס ווילט איהר פון מיר דאָס געלד ניט נעהמען?״

האָט איהם דער חפץ חיים מיט אַ שמייכעל געענטפערט:

„אַ גוטער איד הייסט דער וואָס גיט און ניט דער וואָס נעהמט״. און דער גביר האָט זיין מתנה געמוזט צוריקנעהמען.

ווען דעם חפץ חיים׳ס אַ שוואָגער, אַ מאַנופאַקטור סוחר אין ביאַליסטאָק, ר׳ אלי׳ שניידער, האָט אין זומער פון יאָהר תרע״ה דורך דיזען שרייבער מיט־געשיקט אלס פרעזענט וואַרע אויף מלבושים פאַר די קינדער, האָט דער רבי עס ניט געוואָלט נעהמען און האָט געהאַט שטאַרק תרעומות אויפ׳ן שליח אַזוי גוט ווי אויף דעם וואָס האָט געשיקט. „וואָס ווילען זיי פון מיר האָבען? איך דאַרף ניט און וויל ניט קיינעם׳ס מתנות, ווען איך וועל דאַרפען וועל איך עס אַליין קויפען!״ האָט ער אויסגעשריען.

אַ בריוו דאטירט ה׳ אדר שני, תרפ״ז, געשריבען צום באַוואוסטען נכבד און באַריהמטען מעדיצינער, דאָקטאָר ר׳ יעקב סמיטליין, פון ברוקלין, ניו יאָרק, כאַראַקטעריזירט אַם שעהנסטען דעם חפץ חיים׳ס הנהגה אין דיזען פּרט.

די אידישע איבערזעצונג פון אינהאַלט לעזט זיך ווי פאָלגט:

„זיין בריעף מיט זיין נדבה פון הונדערט דאָלאַר האָב איך מקבל געוועזן און באַדאַנק זעהר כבודו פאַר זיין גוטען רצון. ליידער קען איך אָבער ניט ערפילען זיין בקשה צו נעהמען פון איהם דיזע סומע. באשר כבודו דיינקט דאָך מסתמא, אַז איך בין אַ גרויסער נצרך און אַז איך בין אַ הייליגער. אין דער ווירקליכקייט זיינען אָבער ביידע זאַכען ניט אמת. איך בין ניט קיין גרויסער נצרך אין געלד, נאָר ליידער אַ גרויסער נצרך אין יראה ואהבת השם.

„די געלד האָב איך איהם געדיינקט גלייך צוריקשיקען. נאָר היות ווי ביי אונז איז ניט ערלויבט ארויסצושיקען דאָלאַרען אין אַ צווייטען לאַנד, האָב איך דאריבער באַשלאָסען אָנצופרעגען כבודו, אויב ער איז איינשטימיג מיר איבערצוגעבען די געלד צוצוטיילען אויף צדקה לויט מיין איינזעהן. באם לא, וועל איך זיך מיט אַלע מיטלען משתדל זיין די געלט איהם צוריקשיקען. איך פאַרהאָף אַז כבודו וועט עס מיר פארגעבען... השי״ת זאָל איהם בענשען...
ממני ישראל מאיר הכהן״.

אומזיסט פלעגען מענשען זוכען עצות און תחבולות כדי דעם צדיק מהנה זיין. קיין זאַך האָט ניט געהאָלפען. ער האָט פון זייערע געשאַנקען קיינמאָל ניט געוואָלט נהנה זיין און פלעגט נאָך האָבען פון דעם פיעל פאַרדרוס און עס האָלטען אַזוי לאַנג ביז ער האָט אויסגעפונען ווער דער געבער איז געוועזן און טראָץ אַלע שוועריגקייטען, עס צוריקשיקען.

אַ לאַנגע צייט האָט אַ גראָדנער איד געזוכט וועגען און מיטלען ווי אַזוי מהנה צו זיין דעם חפץ חיים מיט אַ באַדייטענדע סומע געלד. האָט ער איינ־מאָל זיך מיישב געווען און האָט צו זיין מוטער, וועלכע האָט גראָד געוואוינט אין אײשישאָק (נאָהענט צו ראדין), צוגעשיקט עטליכע הונדערט רובעל, און האָט איהר געבעטען זי זאָל עס באַוואָרענען אַז דער חפץ חיים זאָל עס באַקו־מען אויף׳ן פאָלגענדען אופן.

אַריינלייגען די געלד אין אַ פאַרמאַכטען קאָנווערט צוזאַמען מיט אַ צע־טעלע, אויף וועלכען ער האָט בלויז אָנגעשריבען:

„רבי, דאָס געלט באַלאַנגט צו אייך, פאַרנוצט עס געזונטערהייט”. און עס דורך אַ ספּעציעלען פּערזאָן אָוועקשיקען, וועלכער זאָל אין אַוועגט אומבאַ־מערקטערהייט עפענען די טהיר פון חפץ חיים׳ס וואָהנונג און עס אין דער שטיל אַריינוואַרפען און אַליין גלייך אַנטלויפען.

דער פּלאַן איז גראַד אויסגעפיהרט געוואָרען פּינקטליך. דער גראַדנער איד האָט געהאָט גרויס שמחה וואָס ענדליך איז איהם געלונגען מהנה צו זיין דער חפץ חיים. דער לעצטער האָט אָבער זיך שטאַרק מצער געווען פון דעם. ער האָט די געלד ניט גענוצט. ער האָט כסדר געהאַלטען אין איין אויספרעגען און נאָכפאָרשען, און זיך ניט געפיהלט באַרוהיגט ביז ס׳איז איהם געלונגען צו דערגעהן אַז דאָס האָט איהם אַ געוויסער ר׳ מאיר הלל טולעצקי, פון גראָד־נע, צוגעשיקט.

אין צוויי יאָהר אַרום, ווען ר׳ מאיר הלל האָט זיך שוין כמעט געהאָט פאַר־געסען אין דער גאַנצער מעשה, האָט ער פּלוצלונג דערהאַלטען דיזעלבע סומע צוריקגעשיקט דורך פּאָסט, פון חפץ חיים.

אויב אַזוי ווייט איז דער חפץ חיים געגאַנגען אין זיין זהירות ניט צו נעה־מען פון קיינעם קיינע זאַכען אומזיסט, אַ פשיטא שוין ווען עס איז געווען דער קלענסטער חשש פון גנבה.

דערצעהלט הרב שמואל באסקין אַז איינמאָל ווען דער חפץ חיים איז גע־פאָהרען פון סלוצק קיין באברויסק, האָט ער געבעטען זיינעם אַ בעקאַנטען, וועלכער האָט אויך געזאָלט פאָהרען אויף דערזעלבער ליניע, איהם צו טהאָן אַ טובה און פאַר איהם אַוועקשיקען אויף פראַכט עטליכע פּעק ספרים. דער מאַן, וועלענדיג צופרידענשטעלען דעם חפץ חיים, האָט אנשטאט אָפּצוגעבען אין באַגאַזש, עס מיט זיך מיטגענומען און דאָס בעהאַלטען אונטער׳ן באַנק פון וואַגאָן.

קומענדיג אין באברויסק האָט דער בעקאַנטער איהם געבראַכט די ספרים, האָט דער חפץ חיים ארויסגענומען געלט איהם צו באַצאָהלען פאַר די הוצאות. האָט זיך יענער ענטזאָגט צו נעהמען, זאָגענדיג, עס האָט איהם גאָרניט גע־קאָסט, ווייל ס׳איז איהם געלונגען עס אַזוי דורכצופיהרען.

האָט דער חפץ חיים פון דעם געהאָט פיעל פּארדרוס און זיך ניט געקענט באַרוהיגען ביז ער האָט גענומען די פּעקלאַך צו דער באַהן סטאַנציע און גע־בעטען זיי אָפּוועגען און באַצאָהלענדיג פראַכט־קאָסטען, האָט ער צוריסען די „קוויטאַנציע”...

אַזוי פלעגט דער חפץ חיים אויך לערנען זיינע תלמידים. אָפטמאָל פלעגט ער באַטאָנען, אַז עס איז גלייכער צו זיצען בטל און גאָרניט לערנען, איידער צונעהמען אַהן ערלויבניש, יענעמ׳ס אַ גמרא, אָדער שטענדער צו לערנען, ווייל דורך דעם וואָס ווען דער אייגענטימער וועט עס נאָכהער דאַרפען אַרומ־זוכען, וועט ער האָבען הקפדה און עס וועט זיין גזלה — „אַזאַ לערנען איז דאָך גאָרניט ווערטה!״ איז געווען זיין אַרגומענט.

דאָס איז אָבער נאָר געווען לכתחילה, בדיעבד פלעגט ער אָבער אויפ׳ן גרעסטען אויסוואורף געפינען אַ זכות, ספּעציעל ווען ס׳האָט איהם פּערזענליך באַריהרט.

איינמאָל זייענדיג אין ווארשא איז צו איהם געקומען אַ איד מיט א פינף רובעלדיגע מטבע און פון איהם געבעטען פיער רובעל רעשטע אונטער׳ן תירוץ, אַז ער איז איהם שולדיג פון לאַנג אַ חוב איין רובעל פאַר אַ ספר. האָט זיך דער חפץ חיים ענטזאָגט דעם רובעל פון איהם צו נעהמען, ווייל ער האָט געזאָגט, אַז ער געדיינקט גאָרניט מכח אַזאַ חוב. ער האָט איהם געבעטען געהן צו זיין אײדעם וועלכער פיהרט די חשבונות פון זיינע ספרים פיעלייכט וויס ער פון דעם.

האָט זיך דער פרעמדער כלומר׳שט פאַרענטפערט, אַז ער האָט גאָרניט געמיינט איהם צו געבען דעם רובעל אלס חוב, נאָר אַלס מתנה. האָט איהם דער צדיק געדאַנקט, אַז ער נויטיגט זיך ניט אין קיינע מתנות, ווייל ער האָט ב״ה אַלץ וואָס ער דאַרף... נאָר אויב ער וויל קען ער דעם רובעל געבען אַלס נדבה פאַר זיין ישיבה.

„גוט, רבי, זאָל זיין אַזוי ווי איהר זאָגט!״ האָט דער פרעמדער אויס־געשריען.

ווען דער חפץ חיים האָט אַרויסגענומען זיין טייסטער מיט געלד כדי צו געבען דעם אידען רעשט פון זיינע פינף רובעל, האָט דער לעצטער עס אַרויסגעכאַפּט פון זיין האַנד און מיט דעם געמאַכט פליטה.

די מענשען וועלכע האָבען עס באַמערקט, האָבען אויפגערעגטע געוואָלט מאַכען אַ געוואַלד און זיך נאָכיאָגען צו כאַפּען דעם גנב. האָט זיך דער חפץ חיים באַמיהט מיט אַלע כחות זיי צוריקצוהאַלטען און זיי באַרוהיגט מיט די ווערטער:

„ער איז דאָך מסתמא אַ געדריקטער איד, און נויטיגט זיך אין די געלד,

אפשר גאָר התונה צו מאַכען אַ טאָכטער... זאָל ער עס פאַרנוצען געזונטער־הייט!"

ער האָט קיינמאָל ניט געקענט פאַרטראָגען מ'זאָל זיך פאַר איהם באַמיהען בחנם זאָגאָר ווען יענער האָט עס געמיינט לשם מצוה.

דערצעהלט הרב דוד טאובענפליגעל אַז אין זומער פון יאָהר תרע"א, האָט ער, זייענדיג אין וואַרשא, זיך דערוואוסט אַז דער חפץ חיים איז דאָרט דאָ. איז ער איהם געגאַנגען וויזיטען אויף זיין אכסניא, וואו ער האָט איהם פונקט געטראָפען אַרויסגעהן, טראָגענדיג אַ פעקעל ספרים. האָט ער זיך געבעטען, אַז ער זאָל איהם לאָזען טראָגען זיין פעקעל פאַר איהם, אָבער דער חפץ חיים האָט עס בשום אופן ניט דערלאָזט. „חלילה, זיך לאָזען באַדיענען פון אַ תלמיד חכם! זיין אַ משתמש בתגא!"

הרב טאובענפליגעל האָט זיך ניט פאַרלוירען, נאָר אדרבא, אויסגעדריקט זיין פאַרוואונדערונג, עפעס אַזוי ווי דער חפץ חיים וואָלט איהם ניט פאַרגינען צו טהאָן אַ מצוה.

„פעהלט אייך דען צו טהאָן אַנדערע מצוות?" — האָט איהם דער צדיק געפרעגט:

„יאָ, אָבער די מצוה פון עזב תעזב עמו, מקיים צו זיין, האָב איך דאָך איצט אַ געלעגענהייט", האָט איהם הרב טאובענפליגעל געענטפערט.

האָט איהם אויף דעם דער חפץ חיים געזאָגט: „איהר ווייסט דאָך וואָס די חז"ל זאָגען, „עזב תעזב עמו", אַז די מצוה צו העלפען אַ אידען כדי צו פאַרלייכטערען איהם אין זיין משא, איז נאָר געזאָגט געוואָרען דאמאָלסט ווען דער אייגענטימער אַליין טראָגט עס אויך, אָבער ניט ווען ער לאָזט יענעם אַליין עס טהאָן. דאריבער אויב איך וועל אייך לאָזען טראָגען מיין משא וועט עס דאָך שוין קיין מצוה ניט זיין". און ער האָט איהם דאביי געזאָגט: „עס שטעהט — וחיי עולם נטע בתוכנו — די תורה איז דער אייביגער לעבען, וואָס דער רבונו של עולם האָט איינגעפלאַנצט אין אונז. מ'דאַרף דאריבער גאָרניט זוכען צו טהאָן מצוות דורך טראָגען יענעם'ס משא אויף זיך, ווייל טראָגענדיג די תורה אין זיך קען אַ איד מקיים זיין די גרעסטע מצוה".

דער פאָלגענדער תורה־וואָרט וועט בעסער אויפקלעהרען דעם חפץ חיים'ס אויסצייכענונג אויף דיזען געביט.

אין בענטשען (ברכת המזון) זאָגען מיר „ונא אל תצריכנו ה"א לא לידי מתנת בשר ודם ולא לידי הלואתם, כי אם לידך המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה,

שלא נבוש ולא נכלם לעולם ועד״ — דאַרפען מיר פאַרשטעהן פאַרוואָס עפּעס דורך ניט אָנקומען צו מענשען און ניט נעהמענדיג פון זיין קיין מתנות, אָדער הלואות ווערט מען ניט פאַרשעהמט אין דער צוקונפטיגער וועלט?

כידוע, ווערט אויף דער וועלט דער מענש געשאַצט לויט זיינע אויסער־ליכע אייגענשאַפטען. עס פאַסירט זעהר אָפט אַז דורך דעם וואָס מ׳קען דאָך ניט אריינדרינגען אין יענעם׳ס האַרץ, מאַכט מען אַ טעות דיינקענדיג, אַז ער איז אַ צדיק, אָדער עהרליכער איד, און מען גיט כבוד און מתנות, א. א. וו. ווען אויפ׳ן עולם האמת וועט ענטדעקט ווערען אלעס אויף ריכטיג, וועט זיך דאָך דער מענש שעהמען דאָן שעהמען וואָס ער האָט אָפּגענאַרט אַנדערע און אומ־פאַרדיענט גענומען פון זיי געלד און פרעזענטען.

בעטען מיר דאריבער פון רבונו של עולם אַז מיר זאָלען צו קיין בשר ודם ניט דאַרפען אָנקומען, צו נעהמען פון איהם מתנות אָדער הלואות, דאָן אויב ס׳וועט אויפ׳ן עולם האמת נתגלה ווערען אַז ער איז ניט געווען דאָס וואָס אַנדערע האָבען על פי טעות וועגען איהם געדיינקט, וועט אויך קיין אומגליק ניט זיין ווייל ער האָט דאָך על כל פנים פון קיינעם ניט נהנה געווען צוליב זיין כלומר׳שטע גרויסקייט...

מג.

# דער נייער ישיבה בנין

דער בנין הישיבה, וועלכער איז אויפגעבויט געוואָרען אין די יאָהרען תרס"ג—תרס"ד איז געוואָרען צו קליין און צו איינג, און האָט בשום אופן ניט געקענט אָריינגעמען די כסדר וואַקסענדע צאָהל תלמידים, וועלכע האָט אין אַ קורצע צייט דערגרייכט צו איבער דריי הונדערט. אויך פון סאַניטאַריי־שען שטאַנדפּונקט איז דער אַלטער בנין געווען אַ היבש ביסעל הינטערשטעל־ליג, און איז לגמרי ניט געווען צוגעפּאַסט לויט די פאַרגעשריבענע כללים פון היגיענע. זיינען אַ טייל פון די תלמידים געצוואונגען געווען צו לערנען אין דעם שטעטעלדיגען בית מדרש און אין דער אָרטיגער שוהל. אַזאַ צושטאַנד האָט זעהר פיעל געשטערט די טהעטיגקייט פון די ראשי הישיבה און משפיעים רוחניים. עס האָט פּשוט צושפּליטערט די כחות און געשאַפען פיעלע אַנדערע שוועריגקייטען. איז דאריבער בעשלאָסען געוואָרען אינ'ם ווינטער פון יאָהר תרע"ב צוצואוואַרפען דעם אַלטען בנין און אויף זיין פּלאַץ אויפבויען אַ מאָ־דערנעם מויער מיט אַלע מעגליכע אויסבעסערונגען לויט די אומשטענדען.

אַלע הכנות זיינען געמאַכט געוואָרען יענעם ווינטער. דער חפץ חיים האָט צושיקט פיעלע צעהנדליגע בריעף צו זיינע בעקאַנטע. במשך פון אַ קורצער צייט איז אַריינגעקומען די סומע פון פופצעהן טויזענד רובעל. די ארבייט האָט זיך אָנגעפאַנגען אינ'ם זומער פון יאָהר תרע"ב און איז פארענדיגט גע־וואָרען אינ'ם זומער פון יאָהר תרע"ג.

עס איז אַ פּראַכטפאָלע שעהנע, ליכטיגע און לופטיגע געביידע. האָבענדיג גענוג פּלאַץ פאַר פיעלע הונדערטע תלמידים. אַ חוץ דעם זיינען דאָרט פאַראַן שלאָף־צימערען פאַר פיעלע צעהנדליגע תלמידים, און אַן אָרט פאַר די פאַר־שידענע אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען וויכטיג און נויטיג אין אַזאַ אייגענ־אַרטיגע געזעלשאַפט. עס זיינען דאָרט פאַראַן, למשל, חדרים פאַר די ראשי הישיבה וואוהין תלמידים קומען פאַר בחינות, אָדער כדי צו ריידען און לער־

נען. אַ גרויסער חדר פאַר'ן משגיח צו האַלטען זיינע מוסר פאַרטראַגען אָדער לעקציעס פאַר די פאַרשידענע גרופּען (ועדים), אַ שעהנער צימער פאַר דער גרויסער ישיבה־ביבליאָטעק (אוצר הספרים) וועלכע פאַרמאָגט טויזענדער בענדער צווישען וועלכע ס'זיינען פאַראַן זעלטענע אנטיקען, אַן אָרט פאַר'ן ישיבה'שען גמילות חסדים, אויך אַ חדר פאַר דעם ביקור חולים וועלכער באַזיצט אַן אייגען אַפּטייקעל מיט די נויטיגע מעדיקאַמענטען פאַר דער ערשטער הילף.

איינער, אַ רייכער איד פון שכנות'דיגען שטעדטעל אראן, מיט'ן נאָמען ר' מרדכי צפנת, האָט גראַד געוואָלט אַליין געבען די גאַנצע געלד וואָס דער בנין האָט בעדאַרפט באַטרעפען. דער חפץ חיים האָט עס אָבער ניט געוואָלט. זיין שיטה איז אימער געווען, אַז אַזאַ סאָרט הייליגע אינסטיטוציע דאַרף זיין דער בנין פון אַ כלל און ניט פון קיין יחיד. בלויז איין וואַנט האָט ער איהם ערלויבט אויפצובויען. געפינט זיך טאקע עד היום אַ טאָפעל אויף דער וואַנט פון דער ישיבה, וועלכע ענטהאַלט דעם פאָלגענדען אויפשריפט: „דיזע וואַנט איז אויפגעבויט געוואָרען דורך הנדיב הנכבד ר' מרדכי צפנת, וועלכער האָט פאַר דיזען צוועק מנדב געווען דריי טויזענד רובעל — זכרה לו ה' לטובה!"

עס איז אַגב אינטערעסאַנט דער פאַקט, אַז ווען ר' מרדכי צפנת איז אין מלחמה־צייט געשטאָרבען, איז דאַמאָלט זיין גרויסער פאַרמעגען, וועלכען ער האָט געהאַלטען אין די רוסישע באַנקען, אין גאַנצען געגאַנגען לאיבוד. זיין פרוי איז דאריבער פאַרבליבען אָרים און ממש ברויטלאָז, דערצו איז זי נאָך אויך בלינד געוואָרען. ווען דער חפץ חיים האָט זיך פון דעם דערוואוסט, האָט ער גלייך געשיקט בריינגען קיין ראדין די אומגליקליכע אלמנה, וואו ער האָט פאַר איהר באַשטימט אַ וואָהנונג אין אַ הויז אויפ'ן הויף פון דער ישיבה ער האָט זי באַזאָרגט מיט ספּעציעלע באַדיענונג און שפּייז בדרך כבוד. פערזעגליך פלעגט ער איהר אַריינטראָגען אויף פּרנסה יעדע וואָך. אַזוי האָט זיך אויסגעלאָזט אַז די דריי טויזענט רובעל וועלכע מרדכי האָט אַריינגעלייגט אין דער ישיבה, זיינען געוואָרען דער זיכערסטער און פּרוכטבאַרסטער אינוועסטמענט.

גרויס איז געווען די שמחה פון חנוכת הבית, וועלכע איז געפייערט געוואָרען מיט דער באַטייליגונג פון פּראָמינענטע געסט פון פילע שטעדט. אויסער דעם זיינען זיך דאַמאָלסט צוזאַמענגעפאָהרען אַ סך תלמידים פון

אַמאָל צווישען וועלכע עס זיינען געווען גרויסע רבנים ראשי ישיבה און בעלי בתים נכבדים.

אַ ספּעציעלע הויכע פּלאַטפאָרמע איז פאַר דיזען צוועק אויפגעבויט געוואָרען אינ׳ם צענטער פון דער ישיבה. די ווענט זיינען געווען באַפּוצט מיט שעהנע דעקאָראַציעס וועלכע האָבען ענטהאַלטען פאַרשידענע אויפשריפטען, ווי למשל: „כי מראדין תצא תורה ודבר ד׳ מחפץ חיים״, א. א. וו.

פייערליך, ריהרענד און איינדרוקספאָל איז געווען דער מאָמענט ווען אויף דער הויכער פּלאַטפאָרמע איז ערשינען דער חפץ חיים. זיין אינערליכ־סטע פרייד און הייליגע „שהחיינו״ געפיהלען האָבען דורכגעדרונגען זיינע פייערדיגע אויגען, זיין שטראהלענדער פּנים האָט דאן רעפלעקטירט אַן אַנדער וועלטיגע ליכטקייט, אַזוי ווי דאָס געשטאַלט פון כהן גדול (מראה כהן) ווען ער פלעגט טהאָן די עבודה אין דעם הייליגען טאָג יום כפור...

קליין און נידעריג האָט דאמאלט די פּלאטפאָרמע אויסגעקוקט אין פארגלייך מיט דער גרויסער פערזענליכקייט וועלכע איז אויף איהר געשטאַ־נען. נישטיג און אונוויכטיג האָט דער גרויסאַרטיגער ישיבה פּאַלאַץ און זיינע פּרעכטיגע דעקאָראַציעס אויסגעזעהן אין דער געגענוואָרט פון אָט דעם גייס־טיגען ריעז וועמעס נשמה האָט דערגרייכט הימלישע הויכקייט און וועמעס האַרץ האָט אין איהר ברייטקייט געפיהלט אַ וועלט. טונקעל און האַלב־פינ־סטער האָבען די פאַרשידענע געקינסטעלטע און פיעל־פאַרביגע באַלייכטונגען אויסגעקוקט לגבי די זונען־שיין וועלכע איז געווען אויף זיין צורה אויסגע־גאָסען.

ער האָט דוכט זיך, גערעדט אַזוי פשוט און האַרציג ווי אַלע מאָל, דאָך האָבען זיינע ווערטער דאַמאָלט געקלונגען אַנדערש, עפּעס אזוי ווי אַ געט־ליכער פאָרטראָג איבערגעגעבען צום פאָלק דורך איינעם וועמען די השגחה האָט אויסערוועהלט און איהם באַשאָנקען מיט אַן אינערליכע וויזיע כדי צו לערנען דאָס פאָלק די וועגען פון מענשליכער פאָלקאָמענהייט און דערגרייכ־באַרע ערהאָבענקייט.

ער האָט אין זיינע ווערטער באַריהרט די וויכטיגקייט פון דער ישיבה, די באַדייטונג פון איהר חנוכת הבית, דעם זכות פון החזקת התורה און דעם שכר פאַר איהר קיום. ער האָט צווישען אנדערעס געזאָגט אומגעפעהר אזוי:

„איטליכער איד אין יעדען דור איז מחויב צו האָבען אַ חלק אין בנין בית המקדש״. אויף די ווערטער: „וכן תעשו״ זאָגען די חז״ל — לדורות הבאים —

מיינענדיג דערמיט אַז די צוקונפטיגע דורות זיינען אויף אימער פאַרפליכטעט צו בויען דעם מקדש, אַזוי ווי דער תרגום אונקלס מאַכט אויפ׳ן פסוק: „זה אלי ואנוהו — דין אלקי ואבני ליה מקדש״. די ישיבה איז היינט אונזער מקדש מעט, ווייל דאָרט וואו עס זיינען קאָנצענטרירט די „ד׳ אמות של הלכה״ איז דער אָרט פאַר דער שכינה. שלמה המלך האָט דעם בית המקדש געבויט פון האָלץ און ניט פון אַ מעהר דויערהאַפטען מאַטעריאַל, פון שטיין אָדער גאָר פון זילבער וועלכעס האָט דאַן קיין גרויסע ווערטה ניט געהאַט (כסף לא נחשב למאומה), ווייל ער האָט בכיון געוואָלט מזכה זיין דעם כלל ישראל אין שפּע־טערדיגע דורות זיי זאָלען דאַרפען אַלע מאָל דעם בנין איבערבויען אָדער פאַרריכטען, כדי דורך דעם זיך איינשאַפען אַ חלק אין בויען דעם בית המקדש.

„אויף דער פראַגע וואָס מפרשים פרעגען אויב כסף איז בימי שלמה געווען אַזוי פיעל, אַז עס האָט קיין חשיבות ניט געהאַט, טאָ צו וואָס האָט ער באַ־דאַרפט אַרויפלייגען אַ שטייער (מס) אויף׳ן פאָלק (לויט דער מיינונג פון מעהרסטע פירושים איז דער מס געווען פון מענשען צו דער אַרבייט) בעת׳ן בויען דעם בית המקדש, ענטפערט דער בעל הטורים, אַז דער שטייער (מס) איז ניט נויטיג געווען פאַר דעם בנין נאָר כדי מחזיק צו זיין תלמידי חכמים, דאַרף מען דאָך עס אייגענטליך פאַרשטעהן, ווייל אין פלוג איז דאָך הדרא קושיא לדכותיא, אויב געלט האָט דאַמאָלט קיין ווערדע ניט געהאַט, טאָ צו וואָס האָט ער באַדאַרפט אַרויפצווינגען אויף׳ן פאָלק אַ שטייער פאַר החזקת התורה? נאָר דער תירוץ איז, אַז אויף בנינים צו בויען האָבען זיי זיך טאַקע באַשטייערט מיט׳ן פרייען ווילען, אָבער ווען עס איז געקומען אויפצוהאַלטען תלמידי חכמים איז אַפּילו צו געבען אַזא זאַך וואָס האָט אַ קליינע ווערדע אויך שווער. ווען עס האַנדעלט זיך מכח מחזיק צו זיין לומדי תורה איז דאַ־מאָלט אויפצוהויבען אַ שטרוי פון דער ערד אויך אַ שווערער ענין. עס ווילט זיך פשוט ניט געבען מיט׳ן פרייען ווילען (מעשה יצר), נאָר מ׳דאַרף מאָהנען... זוכען דורך באַשטייערונגען וכדומה...

„עס איז ניטאָ קיין לעבען אָהן תורה. מעג אַ מענש טהאָן אַלע מצוות און דורך דעם זיך פאַרדינען פיעל שכר לעולם הבא, וועט ער אָבער אַליין ניט זיין באַרעכטיגט אויפצושטעהן תחית המתים, סאַידען ער האָט אַ זכות פון תורה, דורך אַליין לערנען, אָדער דורך ערמעגליכען אנדערע צו לערנען („כל המשתמש באור תורה אור תורה מחייהו״, כתובות ק״א).

„איינע פון די סימפּטאָמען פון אַ שוטה (אַ משוגענעם) באַהויפּטען די

חז״ל איז — הלן בבית הקברות — דער וואָס נעכטיגט אויף׳ן בית הקברות (חגיגה ג׳). דאַרף מען דאָך עס פאַרשטעהן פאַרוואָס פאַרדינט אַזאַ פערזאָן באַצייכענט צו ווערען אַלס שוטה, אַלס משוגענער?

„דער תירוץ איז, מ׳האָט דעם מענשען געגעבען אַזאַ גאָלדענעם גליק — אַ געלעגענהייט זיך איינצושאַפען צוליב דעם זכות פון תורה אייביגען לע־בען אויף דער וועלט, אַזוי אַז אַפילו נאָכדעם ווי מ׳לייגט איהם שוין אַריין אין קבר זאָל ער קענען קומען צוריק צום לעבען — תחית המתים; נמצא אַז דער וועלכער פאַרנאַכלעסיגט צו קריגען אַ חלק אין דער תורה דורך אַליין לערנען, אָדער דורך מחזיק זיין אַנדערע, וועט זיין גוף אויף לעולם ועד פאַר־בלייבען נעכטיגען אויף׳ן בית הקברות, דאַרף מען נאָר האָבען אַ גרעסערען נאַר? אַזאַ שוטה! אייביג צו בלייבען ליגען אין בלאָטע...

„די תורה איז אַ טייערער אוצר, די „כלי שעשוע״ פון אויבערשטען, דער דרך העולם איז טייער צו האַלטען און הויך צו שאַצען אנטיקען. פאַר אַן אַלטע זאַך באַצאָהלט מען אַ סך געלט. וואָס די זאַך איז עלטער, אַלץ מעהר חשוב איז זי. גרויסע גבירים גיבען אויס אוצרות כדי עס צו באַזיצען. ספרים זאָגען, אַז די בריאה איז זייט איהר שאַפונג פיעל נשתנה געוואָרען, אַז די אַלע ריעזען חיות און גרויסע פרוכט פון אַמאָל זיינען דורך דער צייט וואָס ווייטער אַלץ מעהר פאַרענדערט געוואָרען, פאַרלירענדיג מעהר זייער אָריגינאַליטעט אין מאָס אַזוי גוט ווי אין געשמאַק. אַלס ביישפּיל קען דינען דער מאמר אין תלמוד, אַז די פרוכט וועלכע אדם הראשון און חוה האָבען געגעסען אין גן עדן איז געווען אַ ווייץ קערענדעל, פון איין קערענדעל איז אַלזאַ געווען גענוג פאַר אַלעמען צו עסען. מיר זיינען צוגעוואוינט, אַז די ערד זאָל אַרויסגעבען ווייץ פון וואָס מיר באַקען ברויט, נייע בהמות און חיות ווערען טעגליך גע־בוירען פאַר אונזער געברויך. היינט לאָמיר זיך פאַרשטעלען, אויב עס וואָלט מעגליך געווען פאַר אונז איצט צו באַקומען דעם ערשטען ווייץ, עוף, פיש, אָדער בהמה פון ששת ימי בראשית! די ווערדע פון אַזאַ זאַך וואָלט דוכט זיך גאָר קיין שיעור ניט געהאַט!

„מיר אידען פאַרמאָגען דאָך טאַקע אַזאַ אַנטיק, וועלכער איז נאָר אַזש פון פאַר דער וועלט באַשאַפונג. די תורה איז דאָך אַ זעלטענער אוצר, זייענ־דיג די זעלבע היינט אַזוי ווי מיט טויזענטער יאָהרען צוריק. זי האָט איהר אָריגינעלען געשמאַק ניט פאַרלאָרען און איז ניט נשתנה געוואָרען אויף אַ האָר.

„זאָגען טאַקע די חז״ל אַז דער שכר פאַר לימוד התורה איז „עין לא ראתה״ און בלשון מליצה ערקלערען זיי אויף זייער שטייגער, אַז דער רבונו של עולם האָט פון ששת ימי בראשית פאַרזאָרגט פאַר די צדיקים לעתיד לבא אַ סעודה מיט פיש פון לויתן, פלייש פון שור הבר און וויין פון יין המשומר: לכאורה צו וואָס האָט עס דער אויבערשטער באַדאַרפט צוגרייטען אַזש פון דאַמאָלט אָן?

„די חכמים האָבען עס אָבער סימבאָליש געמיינט, ערקלערענדיג אויף ווי ווייט דער רבונו של עולם געהט אין זיין גערעכטיגקייט צו באַלוינען פאַר גוטס, אַז פאַר קיום התורה, וועלכעס איז דער גרעסטער אנטיק אין דער וועלט, האָט דער כביכול גרייט פאַר׳ן צדיק אַזאַ שכר און אַזעלכע פאַרגעניג־גען, וועלכע ענטהאַלטען דעם געשמאַק פון אַמאָל, אַלזאַ אַ פאַסענדע קאָמפּענ־סאציע, אָריגינעלעס פאַר אָריגינאַל . .״

אָבער טראָץ דעם וואוקס און דער פאַרשעהנערונג פון דער ישיבה איז דאָס שטעדטעל ראדין פאַרבליבען צוריקגעשטאַנען און הינטערשטעליג אַזוי, אַז צוליעב׳ן מאַנגעל אין וואוינונגען איז פשוט ניט געווען גענוג אָרט פאַר דער שטייגענדער צאָהל תלמידים. און „המודיע״ פון ה׳ האזינו אין יאָהר תרע״ב געפינט זיך אַ באַקאַנטמאַכונג פון די מנהלי הישיבה, אַז אַ חוץ פינאַנ־ציעלע אורזאַכען זיינען זיי צוליב דעם געוואַלדיגען דוחק אין וואוינונגען, וועלכעס מ׳קען זיך פון דער ווייטענס גאָרניט משער זיין, געצוואונגען מזהיר צו זיין, אַז פאַר׳ן קומענדיגען זמן וועלען קיינע נייע תלמידים ניט אָנגענומען ווערען אין דער ישיבה.

דאָס האָט אָבער זעהר ווינציג געהאָלפען, ווייל די תלמידים וואָס „נפשם חשקה בתורה״ זיינען, ניט קוקענדיג אויף אַלע וואַרנונגען, געקומען אויף זייער אייגענער פאַראַנטוואָרטליכקייט, און די פיהרער האָבען טאַקע קיין ברירה ניט געהאַט נאָר זיי אריינצונעהמען. גליקליכערווייזע איז דיזער שרייב־ער געווען איינער פון צעהנדליגער אַזעלכע עקשנים.

גלייכצייטיג האָט דער חפץ חיים פאַרעפענטליכט אַן אויפרוף אין „המודיע״ ר׳ עש״ק, ב׳ אייר, תרע״ב, צו די רבנים, אויפפאָדערענדיג, אַז יעדער רב זאָל זיך אָנשטריינגען צו אָרגאַניזירען ביי זיך אין שטאָדט אַ ישיבה פון וויפיעל תלמידים ס׳זאָל ניט זיין. מ׳דאַרף ניט וועלען דוקא אַ גרויסע ישיבה. היינט אַ קליינע ישיבה האָט אַזאַ חשיבות ווי אַמאָליגע יאָהרען אַ גרויסע. און אויב

נויטיג זאָל דער רב בכבודו ובעצמו פאַר זיי אַ שעור זאָגען. און ער ציטירט פון ספר „תנא דבי אליהו":

„אויב דו ווילסט וויסען פאַרוואָס זיינען אין גבעת בנימין אויס'געה'הרג'עט געוואָרען אַזוי פיעל מענשען? דאָס איז די שולד פון די גרויסע סנהדרין וועלכע משה, יהושע און פנחס האָבען געלאָזט אין דער שפיצע פון פאָלק. אנשטאט אַרומצוגאַרטלען זייערע לענדען מיט אייזערנע שטריק, פאַרקאַטשען די פאָלעס און געהן אין די אידישע שטעדט, איין טאָג אין לכיש, איין טאָג אין בית־אל, איין טאָג אין חברון, איין טאָג אין ירושלים, אַזוי אין יעדען אָרט וואו אידען וואוינען, כדי צו לערנען מיט'ן פאָלק תורה, זיינען זיי, יעדער איינער געלאָפען, דער צו זיין פעלד, דער צו זיין ווייגאָרטען און זיך ניט געזאָרגט פאַר'ן כלל. זיי האָבען געטראַכט, אַז אַלץ וועט געהן כשורה, טאָ צו וואָס זיך אָנשטריינגען און זיך באַמיהען...

„די מעשה פון פלגש בגבעה, דער חורבן וואָס דער פאַרברעכען האָט פאַראורזאַכט, איז געווען אַלץ צוליב דעם, וואָס זיי האָבען אין תורה ניט עוסק געווען. זיינען די סנהדרין דאַריבער פאַראַנטוואָרטליך פאַר'ן טויט פון די 70,000 מאַן, וועלכע זיינען געפאַלען אין „גבעת בנימין". דורך התרחקות פון תורה זיינען מיר אַפילו איין יאָהר ניט זיכער צו בלייבען אידען. אין די ערטער וואו מ'האָט זיך דערווייטערט פון תורה (דייטשלאַנד) איז אין איין יאָהר פאַרגעקומען נאָהענט צו פופציג פראָצענט געמישטע הייראַטען".

אַן עהנליכען קול קורא האָט ער פאַרעפענטליכט אין אַ פריהערדיגען נו־מער „המודיע" פון האזינו תרע"ב. ער פאָדערט פון די מנהיגי האומה צו קאָנצענטרירען זייערע הויפט כחות, ווידמענען זייער מיה און אָנשטרענגונג צו פאַרשטאַרקען און פאַרשפּרייטען דעם לימוד התורה צווישען פאָלק.

## דער בעל־תשובה

דאָס האָט פּאַסירט אין יאָהר תרע"ג. מ. טשיזשאָווער איז פון אַ ראַדיקאַל געוואָרען אַ בעל־תשובה און איז געקומען אין ראַדין לערנען אַלס ישיבה־בחור ער איז געווען אַ גרויסער בעל־מדות און האָט פאַרמאָגט עלוי'שע כשרונות. ער האָט מיט אַ גוואַלדיגען חשק זיך גענומען צו לערנען און איז געוואָרען אויסערגעוועהנליך פרום, משמעות, כדי אָפּצומאַכען פאַר זיין פאַרלוירענער צייט. צוליב זיין אָרימקייט פלעגט ער שטילערהייט אונטערהונגערען, אָבער דאָס האָט איהם קנאַפּ־וואָס געאַרט, אַבי ער האָט געקענט זיצען און לערנען.

איז ער שפעטער אָבער קראַנק געוואָרען און האָט זיך געמוזט צוריקקערען אהיים קיין טשיזשאווע.

איינמאָל, לערענדיג אין ארטיגען בית המדרש, האָט ער אין דער שטיל־קייט פון אינמיטען נאַכט, זיך פאַרקלערט וועגען זיינע אמאָליגע זינד. ער איז געוואָרען מעלאַנכאָליש און פלוצלונג האָט ער זיך פאַר עפּעס דערשראָ־קען און איז אַראָפּ פון זינען.

איז זיין אומגליקליכער פאָטער איינמאָל אַ פרייטאָג געקומען קיין ראַדין אויסצוגיסען זיין האַרץ פאַר׳ן חפץ חיים און בעטען פון איהם אַ ברכה. אַזוי האָט איהם דער סלאָנימער רב, ר׳ מרדכי׳לע, געהייסען טאָן. ווען דער חפץ חיים האָט דערהערט פון זיין אומגליק האָט ער דערפון געהאַט זעהר פיעל צער און האָט מיט אַ צובראָכען האַרץ איהם צוגעוואונשען, אויף זיין שטייגער, „השי״ת זאָל מיט זיין חסד רחמנות האָבען אויפ׳ן חולה און איהם צושיקען אַ רפואה שלמה במהרה״.

שבת בייטאָג, נאָכ׳ן עסען, ווען דער חפץ חיים האָט געענדיגט זיין שבת׳־דיגען שמועס פאַר די בני־הישיבה, האָט דער פאַרביטערטער פאָטער זיך ווי־דער צוגעשטופּט צו איהם. אָבער איידער ער האָט נאָך אָנגעפאַנגען צו ריידען האָט דער חפץ חיים באַמערקט: „איהר דאַרפט מיר ניט דערמאָנען, איך גע־דענק איהם זעהר גוט. ער געהט מיר ניט אַרויס פון זינען״, און איהם צוגע־וואונשען אַ רפואה שלמה.

און אַ קורצער צייט אַרום איז דערהאַלטען געוואָרען אַ בריף, אין וועלכען ס׳איז געווען געמאָלדען, אַז מ. טשיזשאווער איז, ב״ה, געזונט געוואָרען. זיי־נען אייניגע תלמידים תיכף געלאָפען עס אָנזאָגען דעם רבי׳ן.

ווען דער צדיק האָט דאָס דערהערט האָט ער פאַר גרויס שמחה אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און אויסגעשריען מיט גרויס באַגייסטערונג: „איך דאַנק דיר, רבונו של עולם, פאַר דיין גרויסען חסד. כ׳האָב געהאַט גרויס עגמת נפש פון דעם פאַל. עס וואָלט דאָך געווען אַ חילול השם. אַט נעהמט זיך אַ בחור, צום לערנען, ווערט אַ ירא שמים און אינמיטען דערינען גאָר אַזאַ אומגליק!״

און צו די אנוועזענדע האָט ער געזאָגט: „מיר קאָנען גאָר ניט פאַרשטעהן דעם אויבערשטענ׳ס דרכים. זיינע חסדים זיינען צו טיף מיר זאָלען זיי קאָ־נען באַגרייפען. אונז דאַכט זיך, אַז עס איז אַ רעה, לאָזען לאָזט זיך עס אָבער אויס, אַז עס איז גאָר אַ טובה. אָט וועל איך אייך דערצעהלען פון אַן ענלי־כען פאַל, וואָס האָט פּאַסירט מיט אַ בחור, אונזער׳ן אַ באַקאַנטען. ווען איך

בין איינמאָל געווען אין מינסק האָט מיר דער זעלבער בחור אָפּגעשטעלט אין מיטען גאַס. פאַרשטעהט זיך, אַז מיין ערשטע פראַגע, איהם דערזעהענדיג, איז געווען, ווי פיהלט ער אין געזונט. האָט ער מיר מיט פרייד געענטפערט, איצט בין איך, ב״ה, פאָלקאָם געזונט, אַ דאנק מיין דאמאָלטדיגע משוגעת בין איך באַפרייט געוואָרען פון מיליטער־דינסט... און ניט לאַנג נאָכדעם בין איך גלייך געזונט געוואָרען! נו, קאָן מען פאַרשטעהן די וועגען פון דער השגחה?״ האָט דער רבי מיט התלהבות פאַרענדיגט.

זיין זאָרג פאַר די תלמידים האָט זיך ניט געענדיגט מיט׳ן ענדיגען זייער שטודיום אין זיין ישיבה. ער פלעגט ביי יעדער געלעגענהייט זוכען זיי צו העלפען אין יעדער הינזיכט מיט ראט און טהאַט.

מד.

# סוד פון פּאָפּולאַריטעט

וואָס איז ווירקליך דער סוד פון חפץ חיים׳ס אומפּאַרגלייכליכע פּאָפּו־לאַריטעט, וועלכע האָט דערגרייכט די ווייטסטע ווינקעלאַך פון אידישען ישוב? ער האָט, דוכט זיך, ניט ארויסגעבראַכט קיינע נייע אידעען און האָט ניט ערפונדען קיינע נייע לאָזונגען; ער האָט בלויז אויפגעלעבט און אָפּגע־פרישט, באַלויכטען און צוגענגליך געמאַכט די אַלטע אונערשעפּליכע אוצרות פון דער תורה. גאונים און צדיקים, וועלכע האָבען געשאַפען נייע שיטות און אינספּירירט נייע עפּאָכעס, און וועמעס מעשים האָבען אַרויסגערופען די באַוואונדערונג פון דורות, האָבען פונדעסטוועגען ניט זוכה געווען צו אַזאַ ספּאָנטאַנער פאָלקס־אַכטונג און אוניווערסאַלע באַריהמקייט, ווי עס האָט זיך דערוואָרבען אָט דער ראַדינער בעל־הבית.

עס וואָלט געווען אומבאַגרינדעט צוצושרייבען די הויפּט־סיבה פון זיין וועלט־פּרסום און פאַרעהרונג זיינע פיעלע וואונדערבאַרע ספרים, אָדער צו זיין אויסערגעוועהנליכער צדקות און גדלות בתורה. עס זיינען דאָך געווען אַנדערע גדולים און צדיקים, וועלכע זיינען אויך געווען באַפּאַנצערט מיט אויסגעצייכענטע מדות און מעלות, און האָבען אויך מחבר געווען פיעלע וויכ־טיגע ספרים, און פון אַ לומד׳ישען שטאַנדפּונקט, פילייכט וויכטיגערע?

כדי צו ענטפערען אויף אָט דער פראַגע איז נויטיג צו פאַרשטעהן, אַן עלעמענטאַרען פּריציפּ איז פּעדאַגאָגיע. אום אַ לעהרער זאָל זיין ערפאָלגרייך, מוז ער זיין פעהיג זיך צו קאָנען אַרונטערלאָזען צו דער שטופע פון זיינע תלמידים און נאָכמעהר זיך צו דערהויבען בהדרגה־וויז צוזאַמען מיט זיי. דער רבי דאַרף אָבער ניט וואַרטען אַז דער תלמיד זאָל פון זיך זעלבסט זיך דערהויבען צו זיין הויכער מדרגה. דיזער פּרינציפּ איז דעמאָנסטרירט גע־וואָרען פון כביכול אַליין אין דער צייט פון מתן־תורה. דער אויבערשטער איז אַראָפּגעקומען פון זיי הימלישער הויכקייט אויפ׳ן באַרג סיני (דער נידע־

ריגסטער פון אַלע בערג) כדי זיין פאָלק ישראל די תורה צו מאַכען לערנען. משה רבנו איז געווען אַן אויסנאַהם — „ומשה עלה אל האלקים...״ משה אַליין איז אימשטאַנד געווען זיך צו דערהויבען צום רבי׳נס הויכקייט. „ותחסרהו מעט מאלקים״. אָבער וואָס אָנבאַלאַנגט דאָס גאַנצע פאָלק, האָט השי״ת געזאָגט צו משה׳ן „לך רד... והעל את העם הזה״, ד. ה. געה אַראָפּ צו זיי, כדי דו זאָלסט זיך מיט זיי דערהויבען צו דיין אָנגעצייכענטע הויכקייט. האָט ער טאַקע אַזוי געטהאָן — „וירד משה מן ההר אל העם״ — ער האָט אַראָפּגעניידערט פון זיין הויכקייט אויפ׳ן באַרג צום פאָלק. אַזאַ ירידה צוליעב אַן עליה איז שוין אַליין אויך אַן עליה.

עס איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז דעם איינפלוס וועלכען געוויסע גאונים און צדיקים האָבען אויסגעאיבט אויפ׳ן לעבען, איז מעהרסטענטייל געווען אינדירעקט. עס איז געקומען דורך אַנדערע, דורך אַ פאַרמיטלונג, אָבער זעלטען דורך אַ דירעקטע, פּערזענליכע און אינטימע באַריהרונג מיט׳ן פאָלק. וואָס גרעסער דער גאון, אַלץ זעלטענער איז געווען זיין קאָנטאַקט מיט דעם פשוט׳ען אידען.

זאָלען מיר באַטראַכטען אַלסביישפּיעל די היסטאָריע פון אַזאַ גייסטיגען ריעז און פענאָמענאַלע פּערזענליכקייט ווי דער ווילנער גאון. ער אליין איז געווען אַ יושב־אוהל און איז זעהר זעלטען אַרויסגעגאַנגען מפתח ביתו, איז געזעסען תמיד ביי זיך אין חדר, די פענסטער פאַרמאַכט אויף די לאָדענס אַפילו בייטאָג, און עוסק געווען יום ולילה אין תורה ועבודה.

מען דערצעמלט, למשל, אַז ער האָט איינמאָל געשיקט נאָכ׳ן דובנער מגיד, וועלכער האָט דאַן גע׳שם׳ט מיט זיינע דרשות און משלים, און אויף איהם גוזר געווען, אַז ער זאָל איהם זאָגען דברי מוסר און תוכחה. האָט דער דובנער קיין ברירה ניט געהאַט און האָט אָנגעפאַנגען אַזוי:

„אוי רבי אליהו, רבי אליהו! אַ קונץ איז צו זיין אַ ווילנער גאון און דיענען דעם אויבערשטען בעת מ׳זיצט סגור ומסוגר בחדרי חדרים און מען איז עוסק רק אין תורה? אַרויסגעהן אין גאַס צווישען מענשען און עוסק זיין אין הויות העולם, טהאָן משא ומתן און דעמאָלט בלייבען אַ ווילנער גאון — דאָס איז אַ קונץ!״

האָט זיך דער גאון צעוויינט און מיט טרעהרען באַמערקט צו דעם דובנער מגיד:

„ניין, ר׳ יעקב, צו זיין אַ קונצען־מאַכער, צו באַווייזען וואונדער און געהן איבער א שטריק, וואס הייגגט איבער אַ שטורעמדיגען ים — דאָס קאָן איך ניט, דאָס האָב איך מורא...״

פיהרענדיג אַן אָפּגעזונדערט און צוריקגעצויגען לעבען, האָט ער זיך אַרומגערינגעלט מיט אַ געקליבענער צאָהל אויסגעצייכענטע תלמידים, ווי ר׳ חיים וואלאָזשינער און זיין ברודער ר׳ שלמה זלמן, ר׳ מאיר פון ווילנא, די שקלאָווער: ר׳ מנחם מענדיל און ר׳ ישראל, ר׳ צבי הירש פון סעמיאַטיץ, ר׳ אברהם שמחה פון אמציסלאוו און ר׳ שלמה פון מאָהליב און אַנדערע. זיינע גרויסע תלמידים האָבען מיט זייערע כשרונות איבערגענומען זיין שיטה, פאַרשפּרייט זיין תורה און באַקאַנט געמאַכט זיינע אידעאַלע לעהרען צווישען די לומדים, ווערהענד דאָס פאָלק האָט זיך געוואָרימט אין זיינע הימלישע ליכט־שטראַהלען, וועלכע האָבען דערגרייכט צו זיי אינדירעקט.

עהנליך איז געווען דער פאַל מיט׳ן הייליגען און גרויסען ר׳ ישראל בעל־שם־טוב. ניט ער, נאָר זיינע באַריהמטע תלמידים זיינען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דאָס פאַרשפּרייטונג פון זיין דרך החסידות, ווי: ר׳ יעקב יוסף דער פּול־נאָהער רב, ר׳ מאיר מרגליות דער גאב״ד פון לבוב, ר׳ יצחק פון דראהביטש, ר׳ מיכל פון זלאטשוב, ר׳ פּנחס פון קאָרעץ, ר׳ דוד פון מיקאָלייעוו און פיעלע אַנדערע, און ספּעציעל ר׳ דוב, באַריהמט אַלס דער מגיד פון מעזעריטש, ווערען היסטאָריש באַטראַכט אלס די הויפּט־באַגרינדער און פאַרשפּרייטער פון בעל־שם׳ס דרך. זאָגאַר דער מעזעריטשער מגיד איז פערזענליך געווען בלויז אינסטרומענטאל אין דער פאַרשפּרייטונג פון „חסידות״, וועלכעס איז בעיקר אָבער געטהאָן געוואָרען דורך זיינע תלמידים, די גרויסע בעלי־מח, מיט וועמען ער האָט זיך אַרומגערינגעלט, ווי דער גרויסער רב פון לאדי — ר׳ שניאור זלמן, רבי אלימלך פון ליזענסק, ר׳ מנדל וויטעבסקער, ר׳ שמעלקא אבד״ק ניקעלשפּורג, ר׳ פּנחס, דער בעל הפלאה, א. א. וו. די פּשוט׳ע אידען זיינען געקומען צו זיי ניט כדי צו לערנען תורה אָדער מדות, נאָר נאָך סגולות און רפואות, אָדער ברכות אויף געזונט און פּרנסה. אַפילו ר׳ לוי יצחק באַר־דיטשעווער, דער פּאָפּולעסטער פון מעזעריטשער׳ס תלמידים, האָט ניט גע־האַט קיין געניגענדע באַריהרונג מיט׳ן פאָלק. זיין פאָלקסטימליכקייט און לעגענדאַרישע גרויסקייט איז הויפּזעכליך באַשטאַנען אין דעם תמימות׳דיגען אופן ווי ער פלעגט ממליץ זיין אויפ׳ן פאָלק ישראל אין זיינע תפלות צום

רבונו־של־עולם. ער האָט אָבער זעהר זעלטען געזוכט צו לערנען תורה און צו דערציהען דעם פשוט'ען אידען פון אַ גאַנץ יאָהר.

אַנדערש איז אָבער געווען דער חפץ חיים. ער איז געווען דער גרויסער פאָלקס־מענש. זיין אָריגינעלע איינפאַכקייט און אייגענאַרטיגע פאָלקסטימ־ליכקייט האָבען איהם געמאַכט פאַר'ן רבי'ן פון כל ישראל. ער איז געווען דער גאון וצדיק הדור, אָבער אין אַ טיפערען זין ווי עס ווערט געוועהנליך פאַרשטאַנען אונטער דיזע ווערטער. דער גאון וצדיק אין איהם זיינען גע־ווען צוזאַמענגעגאָסען אין זיין גאַנצען וועזען אַזוי ווי איין גיגאַנטישער כח. ער איז ניט נאָר געווען אַ גאון אין לומד'ישען זין, נאָר אַ גאון דורך און דורך אין יעדע ערהאבענדע מידה מיט וועלכע ער האָט זיך אויסגעצייכענט. ער איז געווע אַ גאון אין צדקות, אַ גאון אין עניוות, אַ גאון אין אמונה, אַ גאון אין זיין כח הסברה צו ערקלעהרען קלאָהר און דייטליך אַלעס וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען. ועל כולם איז ער געווען אַ גאון אין פשטות. און אַלס דער גרויסער פשטן האָט ער זיך אימער הויפזעכליך געזאָרגט פאַר'ן פשוט'ן אידען, פאַר איהם האָט ער די מעהרסטע פון זיינע אַכט־און־דרייסיג ספרים געשריבען, צו איהם האָט ער זיך פון צייט־צו־צייט מיט פאַרשידענע אויפ־רופען געווענדעט, צו איהם האָט ער זיך פון זיין הימלישער הויכקייט אַראָפּ־געלאָזט און אין זיין אינערליכען לעבען טיעף אַריינגעדרונגען. ווי אַ פאָטער מיט אַ קינד, אַזוי איז ער פערזענליך אין באַריהרונג מיט איהם געווען. איהם האָט ער געזוכט צו לערנען זיך צו דערהויבען מאָראַליש און גייסטיג. אַלע זיינע ספרים, אַלע זיינע רייד זיינען דורכגענומען מיט אַן אויסערגעוועהנלי־כער קלאָהרקייט און פשטות. ניטאָ אין זיי קיינע געשפיצטע דרשות, אָדער געדרעהטע פשט'לאַך.

זיינע פאָלקסטימליכע משלים און פון לעבען גענומענע אילוסטראַציעס זיינען טיעפזיניג, פאַרשטענדליך און איבערצייגענד. זיין דרך הלימוד איז שטענדיג געווען ווייט פון האָר־שפּאַלטענדע פלפולים. דער שווערסטער ענין, דער טיעפסטער און פאַרוויקעלסטער פּראָבלעם קומט ביי איהם ארויס קלאָר און דייטליך. זיין תורה באַשטעהט זעהר זעלטען פון קשיות און תירוצים. ער עפענט אויף די אויגען מיט זיינע פשוט'ע ווערטער, זיינע איינפאַכע ער־קלעהרונגען און פשטים דערלאָזען גאָר ניט צו קיינע קשיות.

דער באַוואוסטער גאון ר' מנשה איליער אין זיין באַריהמטען ספר „אלפי מנשה" ערקלערט, אַז דער יעניגער וועלכער איז אַ גאון אין פשט, שטעהט פיעל

העכער ווי דער וואָס איז גרויס אין פלפול. דער טיעפער קאָפּ רייסט אויס בערג און רייבט זיי איינעם אָן אנדערען (עוקר הרים וטוחנן זו בזו — תלמוד), אָבער אַ באַרג צו דערזעהן פון דערווייטענס איז זעהר לייכט. זאגאר אַ קורצ־זיכטיגער קאָן איהם באַמערקען. דאגעגען צו דערזעהן אַ גלייכען וועג פון דערווייטענס מוז מען באַזיצען אַ געזונט און ווייט־זעהענדיג אויג.

אַרויסגעהענדיג פון דיעזען שטאַנדפונקט איז ממש אין לשער די פיעל־פאַכע גרויסקייט פון חפץ חיים, וועלכער איז מיט זיין „דרך הפשטות" אומ־פארגלייכליך צווישען די גדולים אין די לעצטע דורות.

זיינע חדושי תורה זיינען פאַרבליבען אין כתב־יד. זיי האָט ער ניט גע־זוכט אַרויסצובררענגען. צוליעב וואָס און פאַר וועמען? פאַר לומדים? פעהלט זיי דען חדושים? זיי האָבען געגוג ספרי פלפול מיט וואָס זיך צו דערקוויקען. און בכלל האָט ער געהאַלטען ביי זיך, ווי קומט ער, אַ פּשוט'ער איד, צו שריי־בען תורה פאַר לומדים? זיין זאָרג איז דערהויפט געווען פאַר'ן פשוט'ן אידען.

אויב מען געפינט טיפע פלפולים צעשפּרייט דאָ און דאָרטען אין זיינע ספרים ווי אין זיין „באור הלכה" אויפ'ן „משנה ברורה" און „זבח תודה" אויפ'ן „לקוטי הלכות" אויף קדשים און אַנדערע ווערק, זיינען זיי בלויז צו־פעליג און פאַרבייגעהענד. אַפילו אויף דעם האָט ער זיך כמה פעמים מתנצל געווען, אַז ער האָט זיי אָפּגעדרוקט, כדי מ'זאָל ניט מיינען, אַז ער, דער מחבר, איז גאָר קיין למדן ניט, און מען וועט זיך ניט וועלען סומך זיין אויף זיינע מסקנות להלכה. בנוגע זיין תורה אין „זבח תודה" האָט ער אַמאָל באַמערקט בזה הלשון: „דער זבח תודה" איז ניט מיין תורה אויף קדשים. איך האָב עס בכיון געדרוקט כדי די וועלט זאָל ניט דענקען, אַז איך האָב בלויז מעתיק געווען די גמרא". אין איינעם פון זיינע ספרים באַטאָנט ער, אַז די צייט האָט איהם, ליידער ניט ערלויבט צו פאַרפאַסען זיין באור „זבח תודה" אויף אַלע מסכתות אין „לקוטי הלכות", און ער פיהרט אויס, אַז דאָס פאַרקלענערט אָבער ניט די וויכטיגקייט פון זיין אַרבייט, ווייל ער האָט זיך זעהר פיל מתבונן גע־ווען און פאַרטיפט אין יעדען ענין באַזונדער איידער ער האָט איהם ארויסגע־בראַכט להלכה.

עס זיינען געווען צוערשט אָט די פשוט'ע אידען, וועגען וועמען דער תלמוד באַהויפּטעט, אַז כאָטש זיי אַליין זיינען קיין נביאים ניט, זיינען זיי אָבער קינדער פון נביאים, וועלכע האָבען דערפיהלט, אַז „שכינה מדברת מתוך גרונו". זיי האָבען איהם געקרוינט אַלס רבי און וועג־ווייזער. זיי האָבען איהם

די ערשטע פאַרהייליגט. און ווען ער איז שוין געווען באַריהמט און באַליבט ביים פאָלק, האָבען איהם די לומדים באַמערקט אַלס אַ שטייגענדען שטערען אין עולם הלומדות. באַקענענדיג זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר און אַלץ טיפער מיט זיינע פסקים און הלכות האָבען זיי באַוואונדערט די גראַדקייט און קלאָר־קייט פון זיין זאָנדערבאַרען דרך־הלמוד. דער אינהאַלט, סגנון און פאַרנעהם פון מאַנכע פון זיינע ספרים פאַסט זיך פאַר ראשונים, אָדער גדולי האחרונים. אין דעם פנים פון „לקוטי הלכות" האָבען זיי דערזעהן אַ מייסטערהאַפטע השלמה צו דעם ווערק פון רב אלפס, און אין זיין פירוש אָדער באור „זבח תודה" — אַן עהנליכקייט צו די ווערק פון רבנו נסים, אָדער „נמוקי יוסף". אין זיין באור אויפ'ן „תורת כהנים" — אַן עהנליכקייט צו רש"י'ס ווערק. אין זיין ערשטע פרוכט דעם מאָנומענטאַלען ספר „חפץ חיים" אַן ערגענצונג צום „טור" און „שלחן ערוך" (מקום הניחו לו...), און אין זיין „משנה ברורה" — אַ וואונדערבאַרען מוסטער פון פראַכט און שלמות אין דער ספרות הפוסקים. אין זיינע ספרי מוסר — נאָהענטקייט צו רבנו יונה גירונדי, און אין זיין אויסמיידען דעם דרך הפלפול — אַ נאָכפאָלגונג פון „באור הגר"א".

זיינע ספרים זיינען געוואָרען אַ נויטוועגדיגער טייל אין די ביבליאָטעקען פון רבנים און תלמידי חכמים. אַ קוואל פון וואַנען צו שעפען גייסטיגע חיות, מוסר, מדות, קדושה או יראת שמים. ניט אומזיסט זאָגט מען: „ר' חיים בריסקער'ס גאונות האָט פאַרטונקעלט זיין צדקות און דעם חפץ חיים'ס צדקות האָט פאַרטונקעלט זיין גאונות".

אלס יונגערמאַן האָט דער חפץ חיים געזוכט משמש צו זיין פילע פון די דאַמאלטיגע גדולי וצדיקי הדור, כדי פון זיי צו לערנען דרכים און עבודת השם. ער פלעגט זאָגען: „אַמאָל אין דער יוגענד האָט מען נאָך געטראַכט וועגען פרומקייט. מ'פלעגט פאָהרען צו ר' ישראל סאלאנטער צו שמועסען אין יראת שמים. אָבער היינט... מ'פרעהט זיך אַז מ'קאָן ווי עס איז אָפדאַוונען..."

ווען דער חפץ חיים איז אַלס יונגערמאַן געקומען לערנען צום גאון וצדיק ר' ישראל סאלאנטער 1) האָט איהם דער לעצטער געזאָגט: „איהר — דאַרפט צו מיר ניט קומען, איהר — דאַרפט מיר ניט האָבען!"

---

1) דער חפץ חיים פלעגט אין זיינע שמועסען, זעהר אָפט, ציטירען ר' ישראל סאלאנטער. ער פלעגט זאָגען: „ר' ישראל איז געווען אַ מלאך אלקים קדוש ודבריו דברי אלקים חיים חוצבים להבת אש". אויך: „ר' ישראל האָט אַראָפּגעלאָזען יראת שמים אויף דער ערד".

דער חפץ חיים איז אויך געווען ביים גאון וצדיק ר׳ חיים ליב סטאוויס־קער, וועגען וועמען ער האָט באַמערקט: „זיין דרך איז צו הויך פאַר אונז, ער איז צו שטרענג, פאָדערט מסירת נפש אפילו אויף׳ן קלענסטען דרבנן״.

וועגען הגאון ר׳ בן־ציון שטערענפעלד (ביעלסקער רב), האָט דער חפץ חיים געזאָגט: „זיין דרך איז צו האמעטנע״ (כידוע איז ר׳ בן־ציון אין זיין עבודת השם געווען אויסערגעוועהנליך התלהבות׳דיג).

געפעלען געוואָרען איז דעם חפץ חיים דער דרך אין עבודת השם און אהבת הבריות פון ר׳ נחום׳קע הוראדנער. „זו הדרך לכו בה״, פלעגט ער אָפטמאָל זאָגען צו זיינע מקורבים. אין ר׳ נחום׳קעס פאָלקסטימליכקייט און פשטות׳דיג־קייט האָט ער מיט זיין כאַראַקטעריסטיש־גאונ׳ישער השגה געזעהן אַ מוסטער־האַפטען דרך פון עהרליכקייט און הייליגקייט פאַר יעדער אידען נאָכצופאָלגען.

אַ פשוט׳ן עהרליכען אידען פלעגט ער בכלל תמיד ליב האָבען ארויסצו־שטעלען אַלס עקזאמפעל. ער פלעגט וועלענדיג אילוסטרירען א טיפ פון אַן עהרליך פרומען אידען, אַ רודף צדקה וחסד, דערמאָנען אַ געוויסען ר׳ שמעון קאפטאן זצ״ל פון ווילנא און דערצעהלען מיט באַגייסטערונג ווי אזוי ער פלעגט אַ גאַנצען טאָג אַרומגעהן אין די ווילנער גאַסען מיט אַ צדקה פושקע אין האַנט, קלייבענדיג פאַר אָרימע, קראַנקע און נויטבאַדערפטיגע. ער פלעגט בעטענדיג אַ נדבה, אונטערברומען א ניגון (דער חפץ חיים פלעגט טאַקע אויך נאָכזאָגען מיט זיין ניגון): „ווער עס גיט אַ גראָשען געלט, דער האָט די אמת׳ע וועלט!״ און אַליין פלעגט ר׳ שמעון ציהען זיין אָרימע חיונה פון דעם וואָס ביינאַכט פלעגט ער צורייבען טאבאק־בלעטער 2).

פראָמינענט, באַליבט און באַוואונדערט געוואָרען איז דער חפץ חיים טראָץ, אָדער בעסער געזאָגט, אַ דאַנק זיין נאַטירליכער באַשיידענקייט און איינפאַכקייט. איינמאָל אין הונדערטע יאָהרען איז אַ דור זוכה צו האָבען אַזאַ אויטאָריטעט, צו וועמענס ווערטער עס זאָלען זיך צוהערען אַלע שיכטען פון פאָלק. פאַר דעם חפץ חיים׳ס גיגאנטישער פערזענליכקייט זיינען פאַרשוואונדען די געוועהנליכע רייבונגען און קריגערייען צווישען חסידים און מתנגדים, די גרעניצען און מיספאַרשטענדנישען צווישען אידען. אלע האָבען איהם מעריץ געווען און געשלונגען יעדען וואָרט וואָס איז ארויסגעקומען פון זיין מויל.

---

2) די פאטאגרעפיעס פון ר׳ נחום׳קען, ר׳ שמעון קאפטאן און ר׳ מרדכי־לע לידער, פלעגט ער האָבען ביי זיך אין הויז באהאַלטען אין קאמאדע. אפטמאָל קוקענדיג אויף זיי, פלעגט ער זאָגען צו די בני בית: „קינדערלאך, איהר ווייסט גאָרניט וואסערע גרויסע אידען דאָס זיינען געווען, זיי זיינען געווען פאַרבאָרגענע״.

מה.

# די וועלט-מלחמה

דעם צדיק אויף דער וועלט לאָזט מען פון הימעל ניט צו אַז ער זאָל גע־ניסען שלוה, איז די באַהויפּטונג פון אונזערע אַלטע חכמים (רש״י, אָנפאַנג פרשת וישב). מ׳וויל משמעות דעם צדיק פאַרשאַפן אויפ׳ן עולם האמת אַ גרעסערען תענוג און איהם מאַכען דאָרט צו פיהלען מעהר דעם טעם פון אמת׳ע מנוחה נאָך אַ לעבען פון צער . . .

זיסער און מעכטיגער איז געוואָרען דער קול התורה פון די הונדערטע ישיבה תלמידים לערנענדיג אין דעם שעהנעם לופטיגען און פּראַכטפולען בנין הישיבה. דער חפץ חיים האָט ממש אָנגעקוואָלען פון נחת. זעהענדיג אַז די רחבות און באַקוועמליכקייט האָט גורם געווען צו אַ פאַרשטאַרקונג פון למוד התורה, האָט דער חפץ חיים צוזאַמען מיט זיין איידעם, דעם גאון וצדיק ר׳ הירש לעווינסאָן, און די באַריהמטע ראשי ישיבה, די גאונים ר׳ נפתלי ז״ל און (יל״ח) ר׳ משה לאנדינסקי, אויסגעאַרבייט פּלענער צו פאַרגרעסערען די הכנסה כדי אויסצובעסערען אויף אַלע אַנדערע געביטען, מאַטעריעל און גייסטיג, דעם מצב פון די תלמידים, צו שאַפען און שטיצען מעהרערע אָפּטהיילונגען פון דער ישיבה אין די אַרומיגע שטעדט און שטעדטלאך, צו פאַרגרעסערען די מעגליכקייטען פאַר די וועלכע נפשם חשקה בתורה זאָלען אונגעשטערט קאָנען פאָרטזעצען זייערע למודים זאָגאַר אַלס יונגע לייט נאָך דער חתונה, און אַ צאָהל פון אַנדערע וויכטיגע תיקונים.

אָבער אַזוי ווי אַ שווערער דונער האָט דער אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה אינ׳ם זומער פון יאָהר תרע״ד אַלעמען געטראָפען. עס האָט צעשטערט אַלע זיסע חלומות און האָפנונגען. בעאָבאַכטענדיג אין יענע טעג דעם חפץ חיים האָט מען פאַרשטאַנען די פולע באַדייטונג פון דעם וואָרט: „דער צדיק איז דאָס האַרץ פון דער וועלט״. זיין צאַרטער יוגענדליכער פּנים איז אַזוי ווי פלוצלונג פאַרעלטערט געוואָרען און אויף זיינע קנייטשען האָט זיך דער „וועלט שמערץ״ אויסגעגאָסען מיט זיין גאַנצען אומעט. זיין גאַנצער וועזען,

אלע זיינע ווערטער און באַוועגונגען זיינען דורכגענומען געווען מיט צער אזוי ווי אַלע זיינע גלידער וואָלטען געפיהלט דעם אונגעהויערען וועהטאָג און זיין גאַנצער אָרגאַניזם וואָלט געווען איין גרויסע האַרץ פיהלענדיג די צרות און יסורים פון כלל...

דאָ טרייבט מען אידען אַרויס פון זייערע היימען, דאָרטען האָט מען אויפגעהאַנגען, געשאָסען, מערדערליך דערשלאָגען זקנים און קליינע קינדער, עס איז שרעקליך, ס'איז אונערטרעגליך! דאָס האַרץ פּרעסט און בלוטיגט!

און דער גרויסער און הייליגער רבי לערנט דאָן זיינע תלמידים: „אַ איד דאַרף זיך אויסארבייטען צו אַזאַ מדרגה אין זיין אהבת השם, אַז ווען ער האָט צער זאָל ער פיהלען אַז דער אויבערשטער איז זיך פון איהם מצער נאָך מעהר ווי ער אַליין. דער רבונו של עולם איז דאָך אַזוי ווי אַ פאָטער וועלכער פיהלט מיט דעם צער פון זיינע קינדער. בעיקר דאַרף מען זיך דאריבער מצער זיין אויף דעם וואָס כביכול האָט צוליעב אונז צער" (צער השכינה).

זיינע געדאַנקען זוכט ער אָבער קיינמאָל ניט צו ערקלערען פון מיסטישען שטאַנדפּונקט. ביי איהם קומט דאָך אַלעס אַרויס פשוט כפשוטו.

צו די שטעדטעלדיגע רעזערוויסטען וועלכע זיינען יענעם טרויעריגען תשעה באב מאָביליזירט געוואָרען, האָט ער ביים געזעגענען זיך מיט זיי גע־זאָגט אומגעפעהר אַזוי:

„ווען איהר וועט חלילה זיין אין אַ עת צרה זאָלט איהר דאַמאָלט כסדר האַלטען אין איין זאָגען די פרשה פון „שמע ישראל" און דאָס וועט אייך בעזרת השם באַשיצען. עס איז גאָר פשוט: די תורה, זאָגען די חז"ל, איז „מגני ומצלי" — זי באַשיצט און איז מציל די אַלע וועלכע לערנען איהר מיט דער געהעריגער כונה. „שמע ישראל" איז דאָך אַ פסוק (אָדער פרשה) פון דער תורה וואָס יעדער איד פאַרשטעהט, און אין אַזאַ עת צרה, ווען קוילען לויפען אַרום, זאָגט מען דאָך דאַמאָלסט דעם פסוק מיט אמת'ע כונה, וואָס קיין גרע־סערע דוכט זיך קאָן גאָרניט זיין. דאריבער העלפט עס..."

דאָס איז געווען ערב ראש השנה אין יאָהר תרע"ד, דעם ערשטען יאָהר פון דער וועלט־מלחמה. מעהר ווי אַלע יאָהר האָבען זיך דאַמאָלט צוזאַמען־געפאָהרען אין ראַדין אַן אונגעהויערע גרויסע צאָהל אורחים, באַשטעהענד פון געוועזענע תלמידים און סתם פאַרהערער פון חפץ חיים און זיין ישיבה. צווישען די געסט האָבען זיך געפונען אַזעלכע בעוואוסטע פערזענליכקייטען ווי הגאון ר' אלחנן וואַסערמאַן, וועלכער פלעגט קומענדיג אויף ימים נוראים

צום חפץ חיים מיטברייננגען די בעסטע תלמידים פון זיין אייגענער ישיבה (בריסק, היינט אין בּאראנאָוויטש), כדי צו ערמעגליכען די לעצטע צו קענען שעפען פונ׳ם זעלבען קוואַל פון וואַנען ער האָט געשעפּט 1).

אויך איז דאַן אַנוועזענד געווען דער צדיק ר׳ אליעזר יעקב חוואס, פון יאנישאק, ליטע (דער שווער פון ראַדינער ראש ישיבה הגאון ר׳ נפתלי טראָפּ זצ״ל).

ר׳ ליזר יעק׳ל איז געווען א פייערדיגער איד מיט אַ גרויס אידישע האַרץ. דער שרייבער פון דיזע שורות עראינערט זיך זיין התלהבות׳דיגען דאוונען. ס׳איז זיך גאַר ניט פאַרצושטעלען פון וואנען ס׳האָבען זיך גענומען צו איהם אַזאַ קוואַל פון טרעהרען וועלכע ער האָט דאַן פאַרגאָסען.

פון נאָהענט און פון ווייט זיינען אַלע דאַן געקומען קיין ראדין אום אין יענע פורכטיגע טעג פון תשובה, און אין אַזאַ שווערער און אומעטיגער צייט צו זיין לעבען צדיק הדור כדי צו געפינען גייסטיגען מוטה, אינערליכע שטאַר־קייט און האָפנונג אונטער דער השפעה פון רבן של ישראל — דער חפץ חיים.

יענעם פריהמאָרגען זיינען געקומען אין דער ישיבה עטליכע בעלי בתים פון נאָהענטען אידישען ישוב, דאגאלישאק, כדי צו בעטען איינעם פון די יונגע תלמידים וועלכער איז שוין דאַן בעקאַנט געווען אַלס רעדנער, אַז ער זאָל פאָה־רען צו זיי אויף יום טוב, כדי דאָרט צו דרש׳ען בעפאָר תקיעת שופר. אָבער טראָץ זייער אָנבאָט איהם דערפאָר גוט צו באַפרידיגען מאַטעריעל, וועל־כעס האָט געמיינט זעהר פיעל פאַר אַ ישיבה בחור, האָט ער זיך ענטזאָגט צו ערפילען זייער בקשה.

זיינען די אידען אוועק צום חפץ חיים און איהם געבעטען צו ווירקען אויפ׳ן איינגע׳עקשן׳טען בחור אַז ער זאָל באַוויליגען מיט זיי צו פאָהרען. האָט דער רבי איהם גערופען און אויף זיין פראַגע: הלמאי ער זאָגט זיך אָפּ פון צו טהאָן אידען אַזאַ טובה, האָט דער בחור געענטפערט, אַז ער קען ביי זיך ניט פועל׳ן צו פאַרלאָזען די ישיבה, זיינע חברים און רביים אין די היי־ליגסטע און ערנסטע טעג פון ראש השנה און יום כפור. אויב אנדערע האָבען פאַרלאָזען זייערע היימען און פאַמיליעס און זיינען געקומע אַהער, טאָ ווי

1) ר׳ אלחנן איז אנב פון די נעצעהלטע יחידי סגולה אין אונזער צייט וועלכער אַ דאַנק זיין גאונות און צדקות קען באמת אנגערופען ווערען אַ תלמיד מובהק פון זיין גרויסען רבי׳ן דעם חפץ חיים.

אזוי קען ער זיך ערלויבען צו פאַרלאָזען דאמאלט די ישיבה און אוועקפאַהרען אויף אַ ישוב.

„איהר זייט דאָך אין דער ישיבה אַ גאַנץ יאָהר!" האָט דער חפץ חיים באַמערקט מיט זיין גלעטענדע שטימע.

„יאָ, אָבער רבי, איהר זעהט דאָך אַז איך בין בכיוון אַהיים צו מיינע עלטערען ניט געפאָהרען, אבי ניט צו פארלירען די געלעגענהייט צו זיין מיט אייך יום טוב, טאָ ווי אַזוי קען מען פאַרלאַנגען פון מיר איך זאָל גאָר אוועק־פאָהרען פון דאַנען?" האָט דער בחור מיט אַ ציטערענדע שטימע גע'טענה'ט.

אויף דעם האָט דער רבי דעם יונגען תלמיד הישיבה געענטפערט:

„איך קען אייך גאָר ניט זאָגען, טהוט ווי איהר פאַרשטעהט, נאָר איין זאַך זאָלט איהר געדענקען, אַז אַ מענש איז ניט באַשאַפען געוואָרען כדי צו לעבען בלויז פאַר זיך!"

זעלבסטפאַרשטענדליך אַז דער בחור (דער שרייבער פון דיזע שורות) האָט שוין דאַן קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי איינצושטימען מיטצופאָהרען מיט די דאגאלישקער אידען אויף די ימים הנוראים. און דער רבי האָט איהם דאַמאָלט מיט שמחה צוגעוואונשען אַז עס זאָל זיין דבריו נשמעים. ער איז צוגעגאַנגען צום פאָליצע און ארויסגענומען זיין ספר „שם עולם" און אויפ־מישענדיג די פרקים וועגען „שמירת שבת", אָנגעזאָגט דעם תלמיד עס איבער־צוקוקען און נאָכהער רעדען מכח דעם צום עולם. „כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו" — דער וואָס איז מזכה אַנדערע וועט קיין זינד דורך איהם ניט פאַראורזאַכט ווערען, זאָגען די חז"ל, האָט ער פאַרענדיגט.

שוין אריבער מעהר ווי צוויי צעהנדליג יאָהרען זייט דיזען עפיזאָד. די ווערטער זיינען אָבער נאָך זעהר פריש אין זכרון אזוי ווי מען וואָלט עס היינט געהערט. „אַ מענש דאַרף וויסען אַז ער איז ניט באַשאַפען געוואָרען צו לע־בען פאַר זיך אַליין", דאָס שיינט צו האָבען געווען דער הויפט מאָטיוו פון זיין לעבען. דער גרונד־פרינציפ פון זיין שטרעבונג פון זיין פריהעסטע יוגענד אָן. ניט נאָר מאַטעריאליש דאַרף אַ מענש זיין גרייט דעם אַנדערען צו העלפען, נאָר אויך גייסטיג. לויט'ן חפץ חיים'ס שיטה איז אַ מענש וואָס זאָרגט זיך בלויז פאַר זיין פערזענליכען חלק עולם הבא, אָדער גן עדן, ניט ווענ־יגער עגאָאיסטיש ווי דער ביי וועמען דער אייגענער „איך" פאַרנעהמט אַלע ווינ־קעלעך פון זיין חומריות'דיגע וועלטעל.

אונצעהליגע געסט פלעגען אין יענע יאהרען באזוכען דעם חפץ חיים און זיין ישיבה. אין זייער עלענדקייט און פארצווייפלונג פלעגען זיי קומען זוכען אַ טרייסט־וואָרט פון צדיק, אום צו קענען ערמוטיגען און שטאַרקען זייערע ברידער אין דער צייט ווען זייערע לעבענס און פאַרמעגענס זיינען ממש גע־ווען הפקר.

אַזאַ באַזוך האָט אינמיטען זומער פון יאָהר תרע״ה אויך געמאַכט דער באַוואוסטער גאון ר׳ אהרן באַקשט, שאָוולער רב (דאמאלט רב אין שאדאווע, נאָכהער אין סובאַלק און לאָמזע) בעקאַנט אין דער ישיבה־וועלט אַלס ר׳ ארטשיק איוויער.

ווי דער מנהג איז געווען, פלעגען די בחורים און ראשי ישיבה יעדען שבת פריה נאָכ׳ן עסען זיך פאַרזאַמלען ביים חפץ חיים אין הויז כדי צו הערען פון איהם דברי תורה און מוסר וועלכע ער פלעגט ביי זיין טיש זאָגען. יענעם שבת ווען ר׳ ארטשיק איז אריין, האָט דער חפץ חיים, האַלטענדיג שוין אין מיטען ריידען, זיך אויפגעשטעלט מלא קומתו און געגאַנגען איהם אַנטקעגען. ער האָט איהם געבעטען זיך צו זעצען לעבען איהם און נאָכהער אַז ער זאָל עפּעס זאָגען. האָט זיך ר׳ ארטשיק ענטשולדיגט אַז ער איז בלויז געקומען הערען אָבער ניט זאָגען.

דער חפץ חיים דאריבער פאַרטגעזעצט זיין שמועס אָבער ניט אויף לאַנג. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך געווענדעט צום גאַסט:

„זאָגט, ר׳ אהרן, זאָגט, איך בעט אייך, איך קען ניט און דאַרף ניט זאָגען קיין תורה אין אייער געגענוואַרט!״

דעם שאדאָווער רב איז אָבער ווידער געלונגען זיך צו ענטשולדיגען און פועל׳ן ביים רבי׳ן ער זאָל זיך ניט שטערען, נאָר פאַרטזעצען זיינע הייליגע ווערטער.

„מילא, אין מסרבין לגדול״, האָט דער חפץ חיים ווי מורמלענדיג צו זיך ווייטער גערעדט. עס האָט לאַנג ניט געדויערט, ער האָט זיין שמועס פאַר־ענדיגט און דאַן דורכאויס געבעטען זיין חשוב׳ען גאַסט עפּעס צו זאָגען.

דער גאון, ניט וועלענדיג זאָגען זיין תורה ביים טיש פון חפץ חיים, האָט בדלית ברירה איבערגערעדט די טיעפקייט פון דעם לעצטענס ווערטער, און האָט אויף זיין דרך זיי ערקלעהערט אויף אַ קלאָרערען און מעהר פאַרשטענד־ליכען אופן.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז צווישען די רבנים באַזוכער נאָכ׳ן אויסברוך פון דער מלחמה איז דאָן געווען הרב ר׳ מאיר ק., ער איז ספּעציעל געשיקט געוואָרען פון הויפּט קאָמאַנדיר פון דער רוסישער אַרמיי אין ווילנער ראַיאָן, גענעראַל רענענקאַמפּף צו בעטען אַ ברכה פאַר איהם פון חפץ חיים, אַז ער זאָל זיגען קעגען די דייטשען. דער גענעראַל האָט דעם רב געגעבען הונ־דערט רובעל פאַר הוצאות.

דער חפץ חיים, וועמעס ווערטער זיינען אימער געווען געוועגען און גע־מאָסטען האָט דאַמאָלט זיך צוריקגעהאַלטען פון צו געבען אַ ברכה. ער האָט אָפּגע׳פּטר׳ט דעם שליח מיט נו, נו!... אַלס ענטפער אויף זיין בקשה. צו זיינע מקורבים האָט ער באַמערקט: „ווי אזוי קאָן איך געבען אַ ברכה אויף בלוט פאַרגיסונג?״

מו.

# די אָפּטע פּריזיווען.

דערהויפּט האָט אָבער דער חפץ חיים דאַמאָלט געליטען פון זיין ליבלינג די ישיבה. אָבוואָהל דער חפץ חיים האָט כידוע שטרענג געהאַלטען פון דינא דמלכותא דינא, ער האָט געפאָדערט לאָיאַליטעט זאָגאַר צו דער „מלכות הרשעה" — דער רוסישער רעגירונג. ער האָט אָבער בשום אופן ניט געקאָנט בלייבען גלייכליגטיג צו איהרע ספּעציעלע גרויזאַמע גזירות געגען אידען. באַזונדערס פלעגט דער חפץ חיים האָבען גרויס צער פון דעם וואָס די רוסישע רעגירונג איז זיך באַגאַנגען אַזוי רשעות'דיג מיט די בני הישיבה. אין דער צייט וואָס זי פלעגט באַפרייען סטודענטען פון אַנדערע אמונות, האָט זי געשלעפּט די ישיבה תלמידים צו מיליטער. די גאַנצע מיה און אַרבייט פאַר ישיבות איז דורכדעם געגאַנגען לאיבוד. אין דער קאזארמע, אין דער פאַרגרעבטער סאָלדאַטסקער סביבה, איז דאָך דער ישיבה בחור געווען אין ריזיקע צו פאַרגעסען די תורה און צו פארלירען די מדות און יראת שמים, וועלכע ער האָט נאָך אזוי פיעל אָנשטרענגונג ערוואָרבען אין דער ישיבה 2).

אָבער וועהרענד אין פרידענס צייט איז אַזאַ צושטאַנד געווען אַ האַלבע צרה, איז אָבער אין דער צייט פון מלחמה, ווען אַלע ווילע האָט מען געמאַכט אַ פּריזיוו און גערופען אַלע מאָל מעהר די יונגוואַרג צו מיליטער, וואָלט עס דאָך אויסגעליידיגט די ישיבות און צושטערט דעם למוד התורה. אַזאַ זאַך איז פאַר'ן צדיק שווער געווען דורכצוטראָגען. פלעגט ער טאַקע אין זיינע תפלות מאָנען פון רבונו של עולם און טענה'ן, אַז לויט'ן דין און יושר דאַרף מען דאָך פון „מקבל עול תורה" אַראָפּנעהמע דעם עול מלכות.

---

2) עס איז אַ פאַקט אַז נאָכ'ן אַרונטערזעצען פון צאַר האָט די רעוואָלוציאָנערע קערענסקי רעגירונג, גלייך מיט'ן מבטל זיין אַלע אַנדערע גזירות נעגען אידען, אויך באַפרייט אַלע רבנים סטודענטען פון מיליטער דיענסט.

אויסער דעם איז דאָך יעדער פאַל באַזונדער געווען אַן ענין פון פיקוח נפש. אויב דאָס אוועקרייסען אַ בן יחיד פון אַ פאַטער פאַרשאַפט אונענדליכע צער און יללה, איז זיך לייכט פאַרצושטעלען ווי דער חפץ חיים פלעגט ליידען צוליב די צרות פון זיינע תלמידים, ווען ער האָט געליבט מיט דער שטאַרקסטער ליבע פון אַ פאַטער צו אַ קינד.

אונבאַשרייבליך זיינען די דאמאלטיגע מאָמענטען פון יעדען נאָך מעריב אין דער ישיבה. מ׳פלעגט דאַן זאָגען תהלים ברבים און מזכיר זיין דעם נאָמען פון יעדען ישיבה פריזיוניק, אָדער זעלנער, דאָס געוויין און קרעכצען האָבען געקאָנט אַ שטיין ריהרען. דער חפץ חיים פלעגט נאָכדעם מיט אַ ציטערענדע שטימע פאַרזאָגען די תפלה: „אחינו כל בית ישראל הנתונים בצרה ובשביה״, און די בני הישיבה פלעגען כליפּענדיג ענטפערען „אמן!״

מ׳פלעגט זיך זעהר שטאַרק היטען צו באַהאַלטען פון איהם די שרעקליכע געשעהנישען אין דער אידישער וועלט. ס׳איז אָבער שווער אָנגעקומען. זיין הארץ פלעגט אינסטינקטיוו דערפיהלען די צרות פון זיין פאָלק. ער פלעגט שוין לעזען אויף די פנים׳ער פון זיינע מקורבים און פלעגט פאָדערען מ׳זאָל איהם וועגען אלץ דערצעהלען.

ס׳איז דאַן געווען פרייטאָג נאָכמיטאָג, ווען דער חפץ חיים האָט זיך דערוואוסט פון ניקאָליי ניקאָלייעוויטש׳ס גזירה ארויסצוטרייבען אלע אידען פון קאָוונער ראַיאָן. פרייטאג צו נאָכט אינמיטען קידוש, איז ער צוזאמענגעבראָכען און איז גֶעווען אַ וואָך קראַנק נאָכדעם. שטילערהייט פלעגט מען איהם הערען מורמלען: „מלכות הרשעה במהרה תעקר״.

איינמאָל איז פאר דיזען שרייבער אויסגעקומען דורכצולעזען פאַר׳ן חפץ חיים אַ בריוו וואָס ער האָט נאָר וואָס ערהאַלטען פון אַ תלמיד הישיבה ה. ג., וועלכער איז דאַן געווען אַ רוסישער סאָלדאַט. דער אינהאַלט האָט זיך געלעזען אומגעפעהר אַזוי:

„היות ווי מען האָט מיר היינט באַשטימט איך זאָל געהן אויפ׳ן שלאַכטפעלד, געזעגען איך זיך מיט אייך, טייערער און הייליגער רבי, און בעט אייך איהר זאָלט מיר מוחל זיין טאָמער האָב איך זיך מיט עפּעס פאַרזינדיגט געגען אייך. דאָס זעלבע בעט איך אויך פון אַלע מיינע רביים, חברים און בעקאַנטע.

„איך בעט אייך מתפלל צו זיין פאַר מיר. איך האָב בטחון אין השי״ת אַז ער וועט מיר מציל זיין. ווי ס׳שטעהט „שמע ישראל... אתם קרובים למלחמה היום...״ זאָגען די חז״ל, אַז דער זכות פון קריאת שמע יעדען מאָרגען

און אוועגט איז געגוג מגין צו זיין בעת מלחמה, — וסהדי במרומים אז איך האב מעולם ניט פארפעהלט קיין קריאת שמע״.

לעזענדיג דעם בריוו האט דער חפץ חיים אויסגעבראכען אין א מורא׳דיגען געוויין און מיט א טרערהען-געשטיקטע שטימע האט ער אנגעפאנגען טענה׳ן:

„דו הייסט דאך אונז לערנען תורה, רבונו של עולם. אדרבא ווייז ווי אזוי קאן מען לערנען תורה אויב אזא תלמיד חכם, אזא ירא שמים און צדיק, ווערט אוועקגעריסען פון דער גמרא צו שיקען איהם אין פייער אריין? ביי די אומות העולם להבדיל, זיינען די וואס לערנען רעליגיעזע זאכען באפרייט פון מיליטער און מיר זיינען צו שאנד און צו שפאט! זעה רבש״ע ווי לאנג וועסטו אונז לאזען אזוי! ווי קאן מען בלייבען רוהיג און שווייגען ווען מען נעהמט פון אונז אוועק אונזערע בעסטע קינדער״. אזוי איז ער געבליבען פארטרויערט און פארזארגט א לאנגע צייט.

אויף מארגען איז פלוצלונג אנגעקומען א טעלעגראמע, אז ה. ג. איז באפרייט.

ווי עס שיינט האט יעדער נס א שייכות מיט דער טבע. עס האט אזוי פאסירט: ווען דער רעגימענט איז שוין געווען אויסגעשטעלט גרייט צו געהן צום באהן, האבען דאקטוירים נאכאמאל עקזאמינירט יעדען סאלדאט, וואס האט זיך ווען עס איז באקלאגט אויף א שוואכקייט. און אזוי ווי ה. ג. האט זיך געקלאגט אויף עפעס א מיחוש האט די קאמיסיע, נאכדעם ווי זי האט איהם נאכאמאל אונטערזוכט, גלייך באפרייט.

עס איז איבעריג צו דערצעהלען ווי גרויס דעם רבינ׳ס פרייד איז געווען דערזעהענדיג זיין תלמיד פריש און געזונד צוריק אין זיין ישיבה.

מז.

# צום מארשאלעק

אין יענע יאָהרען האָט אין דער ישיבה געלערענט אַ בחור מיט׳ן נאָמען יעקב פון דער שטאָדט באַרדיטשעוו, וועלכער האָט אָפּגעשטאַמט פון באַריהמ־טען חסיד׳ישען רבי׳ן ר׳ לוי יצחק. זיין עדינות הנפש און צוויבערליכע פער־זענליכקייט, און ספּעציעל זיין תורה און יראת שמים, האָבען איהם אויף אַלעמען באַליבט געמאַכט.

אָנפאַנג יאָהר תרע״ה האָט ער באַדאַרפט שטעהן צום פּריזיוו. פיזיש איז ער געווען אַ שוואַכער און זעהר אַן איידעלער. אין נאָרמאַלע צייטען וואָלט מען איהם געוויס אויסבראַקירט. אין מלחמה צייט אָבער איז ער געווען אין געפאַהר באַנוצט צו ווערען אַלס האַרמאַטען פלייש. פאַר זיין אָפּפאָהרען האָט ער זיך געווענדעט צום חפץ חיים נאָך אַ ברכה און געבעטען אַ בריוו צו באַקאַנטע אין דער שטאָדט ק. מ׳זאָל איהם דאָרט מקרב זיין און אויב נויטיג באַהילפיג זיין אין א עת צרה.

האָבען זיך די נכבדים פון ק. געשראָקען אַז צוליעב די טאָג טעגליכע פיינדליכסטע העצעס געגען אידען זאָל יעקב, אַ דאַנק זיין בולט׳ע אידישקייט, חלילה דאַרפען ליידען...

גראד האָט דאָרט געוואוינט דער מאַרשאַלעק אָדער פּאָרזיצענדער פון דער פּריזיוו קאָמיסיע פון דער שטאָדט א. צווישען די באַקאַנטע פון מארשא־לעק איז געווען אַ געוויסער איד וועלכער איז אויך געווען אַ גרויסער פאַר־עהרער פון חפץ חיים.

ווי באַוואוסט, איז אין פאַרלויף פון ביילים׳עס פּראָצעס געמאַכט געוואָ־רען אַ באַשולדיגונג אַז אידישע צדיקים באַנוצען קריסטליך בלוט פאַר ריטוע־לע צוועקען. די רוסישע צייטונגען האָבען זיך דאַן באַשעפטיגט מיט׳ן באַ־שרייבען טיפען פון אידישע צדיקים.

דער מארשאלעק, וועלכער איז גראד געווען אַן אויפריכטיגער און עהרלי־

כער מענש און אַ אוהב ישראל, האָט איינמאָל געבעטען זיין אידישען פריינד, אַז ער זאָל איהם אַמאָל צייגען אַ אידישען צדיק. דער איד האָט איהם אָבער דאַמאָלט געזאָגט, אַז אין שטאָדט ק. קאָן מען זעלטען טרעפען אַ טיפּ פון אַ צדיק.

איצטער האָט ער געפונען אַ גוטע געלעגענהייט. ער איז אַוועק צום מאַר־שאַלעק און איהם פאַרצעהלט אַז ער האָט זיך דערוואוסט אַז זיינער אַ באַקאַנ־טער יונגערמאַן וועלכער שטודירט אויף צדיק דאַרף גראד שטעהן צום פריזיוו אין שטאָדט א. אונטער דעם מאַרשאַלעק׳ס פאַרזיץ. דעריבער קאָן ער יעצט האָבען אַ מעגליכקייט זיך צו באַקאַנען מיט אַ טיפּ פון אַ אידישען צדיק. ווען אונזער ישיבה בחור איז ערשינען פאַר דער קאָמיסיע און מען האָט איהם, ווי דער שטייגער איז, אויסגעפרעגט מיט וואָס ער באַשעפטיגט זיך, האָט ער גע־ענטפערט אַז ער שטודירט אויף רב. דער מאַרשאַלעק, וועלכער האָט זיך שוין דאַן אַן אלץ געהאַט פאַרגעסען, האָט קאָנטיג, דערהערענדיג דעם ענטפער, זיך פלוצלונג דערמאָנט. ער האָט איהם אַ פרעג געטהאָן צי שטודירט ער אַמאָל נישט אויף צדיק? און ווען ער האָט געהערט זיין ענטפער אַז יאָ, האָט ער איהם מיט נייגעריגקייט באַטראַכט.

דער דאָקטאָר איז געווען גרייט צו ערקלעהרען דעם בלייכען, אויסגעצער־טען בחור אַלס מיליטער פעהיג, אָבער דער זכות פון זיין צדקות איז איהם בייגעשטאַנען און אַ דאַנק דער אַריינמישונג פון מאַרשאַלעק איז ער באַפרייט געוואָרען פאַר א יאָהר צייט כדי זיך צו ערהאָלען.

ניט באַשערט איז אָבער געווען יעקב׳ן צו בלייבען רוהיג אפילו אַ יאָהר צייט. דריי מאָנאַטען שפּעטער האָט די מלחמה געפאָדערט פרישע פלייש און מ׳האָט איהם גערופען פאַר אַ צווייטען נאָבאָר (קאָנסקריפּציע). פאַר׳ן אָבפאָהר איז דער תלמיד ווידער אריין צו זיין רבי׳ן און האָט זיך באַקלאָגט אויפ׳ן ביטול תורה וואָס ער מוז צוליעב דעם ליידען, און האָט דאריבער מיט טרעהרען אין די אויגען געבעטען דעם רבי׳ן מתפלל צו זיין פאַר איהם אַז ער זאָל ווערען גענצליך באַפרייט (מיט אַ ווייסען בילעט). כאָטש נישט זייענדיג צופרידען פון אַזאַ פאָדערונג. האָט איהם דער חפץ חיים עס פאַרגעבען און איהם ווי געהעריג געבענשט.

אין פאַרלויף פון דער צייט האָט ניט איינמאָל דער מארשאלעק אין אַ געשפּרעך מיט זיין אידישען פריינד דערמאָנט דעם טיפען איינדרוק וואָס

דער יונגער צדיק האָט געמאַכט אויף איהם. דער איד, באַמערקענדיג זיין באַגייסטערונג, האָט איהם ביי דער געלעגענהייט דערצעהלט, אַז דיעזער יונ־גערמאַן איז בלויז אַ סטודענט ביי איינעם וועגען וועמעס לעגענדארישע צדקות זאָגאַר די אידען־פּרעסערישע צייטונגען, ווי „נאָוואָיע ווּרעמיא", האָבען אויך געשריבען מיט לויב.

דער מאַרשאַלעק איז דאַן אריין אין עקסטאז און געבעטען זיין פריינד ער זאָל קריגען אַ ברכה פאַר איהם פון אָט דעם וואונדערבאַרען מאַן, און אז אויב אידען זיינען, טראָץ זייערע אונטערדריקונגען, פעהיג געווען צו שאַפען אַזאַ לויטערע פּערזענליכקייט איז ער גרייט צו טאָהן אַלץ וואָס און זיין קראַפט פאַר׳ן אידישען פאָלק.

דער איד האָט איהם דאַן געזאָגט אז דער אַלטער צדיק פיהרט זיין קאָרעס־פּאָנדענץ בלויז אויף לשון־קודש, וועלכע איז פאַר איהם אומלעזבאַר. דער מאַרשאַלעק האָט אָבער אויף דעם באַמערקט, אַז אַ בריעף פון אַזאַ צדיק וואָלט פאַר איהם געווען טייערער פון זיינע פיעלע מיליאָנען, ער וואָלט עס איז אַ גאָלדענער ראַם איינגעפאַסט און אימער געהאַלטען פאַר זיינע אויגען.

ווען יעקב איז צום צווייטען מאָל ערשינען בעפאָר דער פּריזיוו קאָמיסיע, האָבען איהם דאַן שוין אַלע באַגריסט אַלס אַן אַלטען באַקאַנטען. מ׳האָט איהם צוגעגרייט אַ שטוהל און געבעטען זיצען. נאָכדעם ווי דער הויפּט דאָקטאָר האָט איהם עקזאַמינירט, האָט ער אין זיין רשעות געפאָדערט מ׳זאָל איהם אָפּגע־בען פאַר אַ זעלנער, באַטאָנענדיג אַז דאָס וואָלט געווען אַ גרויסע טובה פאַר דעם אויסגעבלייכטען און שוואַכען צדיק, עס וואָלט איהם ענטוויקעלט און געשטאַרקט פיזיש.

דער מאַרשאַלעק האָט אָבער, טראָץ דעם דאָקטאָר׳ס שטאַרקע איינווענ־דונג דורכאויס געפאָדערט יעקב׳ן צו באַפרייען, אַרגומענטירענדיג מיט דעם דאָקטאָר, אַז זיין אָפּגעצערטקייט איז אַ נאַטירליכע, און אַז פּאַניע׳ס קאָשע וועט אַוּדאי איהם נישט פעטער מאַכען, און אַז זייענדיג אַ צדיק וואָלט דאָך דער מאַן זיך בכיון ניט געצערט כדי זיך צו באַפרייען פון מיליטער.

דער חפץ חיים, דערזעהענדיג זיין באַליבטען תלמיד, וועמען עס איז גע־לונגען אַרויסצוּראַטעווען פון אַ געפאַהר, צוריק אין ישיבה, האָט געדאַנקט השי״ת און האָט זיך געפרעהט מיט איהם ווי אַ פאָטער מיט זיינ׳ס אַ קינד. אָבער צו שרייבען אַ בריוו צו אַ הויכען בעאַמטען אין צייט פון מלחמה, ווען די לופט איז געווען פול מיט בלבולים געגען אידען, האָט דער חפץ חיים קיין השק

ניט געהאט, ביז זיין גרויסער איידים, דער מנהל הישיבה ר׳ הירש זצ״ל, האט איהם אבער אויפמערקזאם געמאכט אז עס קאן ברייגגען צו א חלול-השם אויב דער גוי וועט פון איהם א ברכה נישט קריגען, און דאס האט געהאלפען.

דער פארפאסער פון דיזען ספר האט געהאט דאס גליק צו שרייבען אט דעם בריוו וועלכען דער רבי האט גע׳חתמ׳עט מיט זיין האנט.

דער אינהאלט איז אומגעפעהר געווען ווי פאלגט:

כבוד האדון השר הנכבד רודף צדקה וחסד מר פאוועל מאצקע בעיר ק.

כאשר שמעתי שכבוד מעלתו פועל צדק ועושה חסד עם אנשים ודורש טוב לעמנו הנענה, אמרתי לברכהו שיאריך ה׳ ימיו ושנותיו ויזכה לראות טוב בחייו ויבלה ימיו בנעימים.

„מוקירו ומכבדו כערכו הנשגב,
ישראל מאיר הכהן מראדין (מקוה״ח).״